דער יוד

(DER JUDE)

צייטשריפֿט

פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואָך.

⟷ פֿערלאַג: חברה „אחיאסף״. ⟷

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען.
האַלביאָהריג —.6 〃
פֿירטעליאָהריג —.3 〃
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פֿראנק.
אנדערע לענדער —.15 〃
אמעריקא, ענגלאנד—.10 שילינג.

פרייז פֿון מודעות (אנצייגען):
פֿיר יעדער קליינע שורה פעטיט
20 העללער, 25 פפֿעניג, 10 קאפּ.

דער פרייז פֿיר רוססלאנד:
גאנץ יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב יאָהרליך —.3 רוביל:
פֿיערטעל יאָהרליך 1.50 רו״כ.
מען קען אויך אויסצאהלען אין
3 ראטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 〃
דען 1טען אויגוסט — 1 〃

איינצעלנע נומערן 15 קאפּ. —
30 העלער.

Krakau. 8 Nowember 1900. נומר 45. קראקויא, השון תרס״א.

אינהאלט:

א) יודישע פּאבשולען אן רוסלאנד. — י. ל.
ב) בריעף פֿון ווארשא. — ישראל שווערנעמוטה.
ג) בריעף פֿון דער פאריזער אויסשטעלונג IV. — הצופה.
ד) פאליטישע איבערזיכט. — י. ל.
ה) יודישע שטעדט און שטעדטליך. — אמת.
ו) די יודישע וועלט.
ז) אלגעמיינע וועלט נייעס.
ח) אויף ציונס-פֿעלדער. געדיכט. — פעטרוס.
ט) די פֿאהן. אַ מעשה. — שלום עליכם.
י) א שטאלט, א שטאלט. ערצעהלונג. — ליפמאן לעווין.
יא) קאליקעס. ערצעהלונג. — מ. ספעקטאר.
יב) פֿון הומש ארום II. פֿעלעטאָן. — גרשם באדער.

ה. תר״ס ← וואכען־קאלענדער (לוח) ← 1900

די טעג פֿון		חשון נאָוועמבער־ליסטאָפּאַד		נייער ס.	אלט. ס.
חודש	וואָך			נאוועמ.	אקטא.
י״ט	זונטאג			11	29
כ׳	מאנטאג			12	30
כ״א	דינסטאג			13	31
כ״ב	מיטוואך		נאיאבר *	14	*1
כ״ג	דאנערס.			15	2
כ״ד	פֿרייטאג			16	3
כ״ה	שבת	שבת חיי.		17	4

טאג	יאהר	קורצע פֿערצייכנונגען פֿון דער יודישער געשיכטע.
י״ט	ה׳שט״ז	געשטארבען אין לעמבערג הג׳ ר׳ נפ־לי יצחק.
כ׳	ה׳תמ״ח	〃 הג׳ ר׳ משה קרעמער ווילנאער רב.
כ״א	ד׳ תתקכח	געהרג׳עט עקדה״ש ה״ר דוד ב״ר לוי אין ווארמס.
〃	ה׳שע״א	פֿערברענט עקדה״ש 2 אנוסים אין שפאניען.
כ״ב	ה׳תק״ע	געשטארבען ה״ר דוד שלמה („לבושי שרד״ ו„ערבי נחל״)
〃	ה׳תר״ל	〃 ה״ר יחזקאל לנדא, ראב״ד אין ווילנא.
כ״ג	ה׳תקלח	〃 הג׳ ר׳ אהרן בריסקער רב.
〃	ה׳תרלט	〃 אין ווילנא דער משורר אד״ם הכהן לעבענזאהן.
כ״ה	ג׳תרנב	האט יוחנן הורקנס בעזיעגט און צושטערט שמרון.
〃	ה׳תרנב	געשטארבען הג׳ ר׳ מרדכי גימפל יפה רוזינאייער רב אין דער קאלאניע „יהוד״.

צו אבאָנירען:

אין קראקא:
Administration „DER JUDE“, Krakau, Gertrudy 19.

אין ווארשא:
Verlag „Achiasaf“, Warschau, Postkiste Nr 25,
mündlich: Twarda 6, Thür 4

אין ווין:
E. Torczyner, Wien I, Rudolfsplatz 6.

אין לאדז, ביי אונזערעם פערטרעטער:
S. Hochberg, Lodz, Cegielnianastr. 36.

דער יוד״ איז אויך איינגעטראגען אין דער צייטונגספרייזליסטע דער ק. ק. עסטרייכישען פּאָסט אונטער דער נומער
1920a Nachtrag VII.

Парижская папиросная бумага

„Ле Дерніеръ Картушъ“

требовать исключительно гильзъ а также папиросныхъ книжекъ изъ настоящей французской бумаги **„Ле Дерніеръ Картушъ“**

Бумажка эта признана Химичес. Лабаратр. Варшав. Император. Университета САМОЮ ЛУЧШЕЮ.

Образцы бумажки разныхъ сортовъ высылаетъ безплатно.

ТОРГОВЫЙ ДОМЪ

Л. ЗИЛБЕРЛЯСТЪ

въ ВАРШАВѢ

Граничная улица № 6.

גילזען־מאשינען

די בעסטע ציגארעטען גילזען־מאַשינען נייעסטער קאָנסטרוקציאָן, מיט אונד אָהנע דרוק־אפפאראטען בעקאָמט מאן ביי:

M. BLÜTH, WARSCHAU
Pańska str. 26.

צוקערניע ש. שפיגעלגלאז

ווארשא, נאלעווקי Nr. 10

(פֿארמאלם איגעלזאָהן) וועלכע עקזיסטירט זייט 18 יאהר. פֿון דער צייט און זייט איך האב זי איבערגענומען אונטער מיינע אויפֿזיכט האָב איך פֿיעל פֿערבעסערונגען איינגעארדענט. ריין, כשר, ביליג. בעשטעלונגען ווערען פּינקטליך אויסגעפֿיהרט, היער און אויף דער פּראָווינץ. פֿיעלע ראנקען בריעפֿליך אויך מינדליך.

די צוקערניע בעזיצט 24 צייטונגען צום לעזען.

אין ענגלאַנד קען מען אַבאָנירען דעם „יוד“ ביי:

R. MAZIN. 100 Old Montague Str. LONDON E.

מעטאדען צו לערנען שפראכען אהן א לעהרער!

פֿערפֿאַסט פֿון יוסף סלאנימסקי:

1. פּראנצעזישע „Parlez-Vous Français“? פּרייז 75 קאָפּ.
2. ענגלישע „Will you Speak English?“ „ 75 „
3. דייטשע „Sprechen Sie Deutsch?“ „ 75 „
4. שפּאנישע „Habla Usted Espanol?“ „ 20 „

מיט פּארטא, פּער נאַכנאַהמע נאָך 17 קאָפּ.

דיעזע מעטאָדען ענטהאַלטען אַללע לעזע־כללים און פֿיעלע איבונגען אין דער אויסשפּראַכע, א פּראַקטישע גראַמאַטיק, פֿילע נעטהיגע אומגאַנגס־געשפּרעכען, פֿיעל ערצעהלונגען און בריעף, ווי אויך ווערטערביכער; ערקלערט אַלעס אין זשארגאָן. איינינע שטעלען זענען אויך מיט רוסיש און לשון־קודש׳ע ווערטער ערקלערט.

Іосифу Слонимскому, Варшава Королевская 49.

БЕСѢДЫ О ЕВРЕЙСТВѢ.

д-ра П. А. Ямпольскаго.

Вышли изъ печати и появились въ продажу:

II-ой выпускъ, цѣна **15** к., съ перес. **17** к.

III-ый выпускъ, цѣна **15** к., съ перес. **17** к.

цѣна вышедшихъ 3-хъ выпусковъ **45** коп., съ перес. **50** коп.

Главный складъ и изданіе

Издательство „АХІАСАФЪ“ Варшава.

Твердая N. 6.

!! נייעס !!

עס איז ארויס פֿון דרוק

דער פֿיערטער ציוניסטען קאנגרעס אין לאנדאן.

פֿון ד״ר יוסף לוריא.

אין דעם ביכעל זענען ענטהאַלטען אלע רעדען פֿון ד״ר הערצל, ד״ר נארדוי, פּראפעסאר מאנדעלשטאם, ד״ר גאסטער, סאקאלאוו, באנקדירעקטאר וואלפזאהן, אויך אלע דעבאטען און בעשרייבונגען פֿון די קאָנגרעסטעג.

פּרייז 10 קאפּ׳, מיט פּארטא 12 קאפּ׳.

ציוניסטישע חברות בעקומען גרויסען ראבאט.

מיט אַלע בעשטעלונגען זיך צו ווענדען אן:

Издательство „Ахіасафъ“, Варшава.

מינדליך: טווארדא 6 וואהנונג 4.

L „Echo Sioniste“

האורגן הציוני היחידי בשפת צרפת

יו״ל בפריז ע״י ל. פאפערין וא. רוקח.

העתון הזה יוצא לאור פעמים לחודש, ביום 5 וביום 20.

כתובת בית המערכת והאדמיניסטראציאן:

Paris, 38 rue Lebrun, 38

מחיר החתימה: לשנה 4 רו״כ, לחצי שנה 2 רו״כ.

החותמים ברוסיא יוכלו לפנות עפ״י הכתובת.

Товарищ. „Издательство Ахіасафъ“, Варшава.

ברשיון הממשלה

נפתח בית ספר פרטי בשתי מחלקות לנערות ע״י

אלישבע בת שפ״ר **ראבינאוויץ** בווארשא.

בבית הספר המאושר מטעה״מ הזה ילמדו את כל הלמודים הכללים לפי תכנית הלמודים אשר בגימנזיות לנערות ברוסיה. מלבד הלמודים הכלליים יורו בו לשון עברית ודקדוקה, דברי ימי ישראל ותורתו וכל למודי הקדש בשיטה נכונה ובמדה רבה.

בתכנית הלמודים נמנו גם זמרה ומלאכת־יד

מלבד עניני הלמודים יצטיין ביה״ס הזה בהשגחה מעולה על התפתחות התלמידות והחנוך הכללי והלאומי.

קבלת התלמידות בכל יום מלבד שבתות וימים טובים משעה 9—12 לפני הצהרים, ושעה 4—6 בערב בביה״ס הזה.

Warszawa Muranowska 25.

תעודת רב.

דבר אמת ניתן לכתוב ולהודיע לכל מאן דבעי למירע איך שמכיר ויודע אנכי את האי גברא יקירא האברך המופלג, השלם ויקר רוח כש״ת מוהר״ר יעקב נ״י (המורה מלאכות ע״י מכתבים) בן לגברא רבא מופלג בתורה ויראה כקש״ת מהור״ר נחום ניידיטש נ״י מפה, איך שהוא משכיל שלם ודורש אלקים, דרכו תמימה והנהגתו ישרה ומצאתי לחובה לפני למען האמת והיושר להודיע טבעו בשערי בת רבים ולהעיד עליו כי נאמן רוח הוא ויש לסמוך עליו בכל העסקים, כי הוא איש י״א וישר הולך ולראי׳ באתי עה״ח יום א׳ לסדר „האזינו ואדברה“.

נאים יעקב ישעי׳ ראזענבלום חופ״ק דאוויד-הארדאק.

II. Jahrgang. DER JUDE. Nr. 45.

דער פרייז פֿיר רוססלאנד:
גאַנץ-יאָהרליך —.5 רוביל.
האלב-יאָהרליך —.3 רוביל.
פֿירטעל-יאָהרליך 1.50 רוביל.
מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראַטען:
ביים אבאנירען — 2 רוביל
דען 1טען אפריל — 2 ״
דען 1טען אויגוסט — 1 ״

ענדערען די אדרעסע קאסט 20 קאפ.

דער יוד

ציישריפֿט
פֿיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואָך.
פֿערלאַג: חברת „אחיאסף“.

אבאנאמענטס פרייז יאָהרליך:
אָסטרייך-אונגארן —.12 קראָנען.
האַלביאהריג —.6 ״
פֿירטעליאָהריג —.3 ״
דייטשלאנד —.10 מארק.
ארץ ישראל —.12 פֿראנק.
אַנדערע לענדער —.15 ״
אמעריקא, ענגלאנד —.10 שילינג.

פרייז פֿון מודעות (אנצייגען):
פֿיר יעדע קליינע שורה פעטיט 20 העלער, 25 פֿפֿעניג, 10 קאפ.
Erscheint Donnerstag.

קראַקויא, חשון תרס״א. נומר 45 Krakau, 8 November 1900.

יודישע פאַכשולען אין רוסלאַנד.

איינע פֿון די גרעסטע זאָרג, וואָס קומט אויס איבערצולעבען יעדען יודען, איז די זאָרג איבער די ערציהונג פֿון זיינע קינדער. ווי גיט מען זיי די נייטהיגע בילדונג און ווי בריינגט מען זיי צו וואָס עס איז פֿאַר אַ תכלית? די ביידע פֿראַגען, וועלכע זענען פֿאַר קיינעם ניט גרינג, דריקען דעם יודען מיט אַ בעזונדערער שווערקייט. וויפֿיעל צרות שטעהט אויס יעדע יודישע פֿאַמיליע, ביז עס גליקט אָב אַריינצוגעבען אַ קינד אין אַ גימנאַזיום אָדער אין אַ רעאַלשולע, ווי מאַטערט זיך אָן דאָס קינד און וואָס פֿאַר אַ טיעפֿע מאראַלישע יסורים לעבט דורך דאָס קינד, אַז ער ווערט ניט אָנגענומען, האָטש ער האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטען. און די ליידענדע, פֿריה אָנגעמאַטערטע, בעליידיגטע קינדער—דאָס זענען נאָך די גליקליכערע, וועלכע מען איז פֿון אַלע זייטען אַזוי מקנא. די גרעסערע צאָהל אָבער, פֿאַר וועלכע די טויערען פֿון די שולען בלייבען פֿערשלאָסען, בלייבען אָבגעשטופּט פֿון בילדונג און ווערען געיאָגט אין די ציילען פֿון קרעמער און סוחרים, וואו עס איז אַ שטיקעניש פֿון ענגשאַפֿט.

לאָמיר די אומגליקליכע לאָזען פֿון הינטען, וואו זיי ווערען צוטרעטען פֿון לעבען און לאָמיר געהן ווייטער מיט די גליקליכערע און שטייגען מיט זיי ווייטער אויף די טרעפּ, וואָס פֿיהרען צו די העכערע מדרגות פֿון לעבען.

דאָס גימנאַזיום אָדער די רעאַלשולע איז געענדיגט. די פּראָגראַמען פֿון די אָנגערופֿענע שולען זענען ניט קיין אָבגעשלאָסענע, זיי גיבען ניט קיין געהעריגע בילדונג, זיי זענען ניט צוגעפּאַסט צום לעבען, זיי זענען נור פֿאַרבערייטונגסשולען צו אוניווערזיטעטען, אַקאַדעמיעס און אינסטיטוטען. מיט דעם ענדיגען פֿון די מיטלערע שולען קען זיך דערום די יודישע יוגענד ניט בענוגענען, זי מוז געהן ווייטער און דאָ ביים אַריינטרעטען אין די העכערע שולען הויבט זיך אָן דיזעלביגע מעשה מיט די פּראָצענטען, די טויערען ווערען ווידער פֿערשלאָסען און ווידער בלייבען הונדערטער יונגע לייט פֿון דרויסען, אָהן די מעגליכקייט זיך ווייטער צו לערנען און אָהן די מעגליכקייט זיך צוצושלאָגען צו וואָס עס איז אין לעבען. מיט בראָקען וויסען און צום לעבען ניט צוגעגרייט ווערען ווידער די יודישע יונגע לייט געשטויסען פֿון זייער ווייטערדיגען וועג — און וואוהין? טויזענדער יודישע יונגע לייט פֿון רוסלאַנד פֿילען אָן די אוניווערזיטעטען אין די פֿרעמדע מדינות, זיי רייסען זיך אָב פֿון דעם לעבען, מיט וועלכען זיי זענען געוועזען צוזאַמענגעוואַקסען, פֿאַלען אַריין אין גאַנץ אַנדערע תנאים פֿון לעבען, אין וועלכע זיי קענען ניט און אין וועלכע מען לאָזט זיי ניט זיך איינלעבען, זיי קומען צוריק אַהיים, וואו זיי ווערען פֿרעמד, אָדער בלייבען אין די פֿרעמדע לענדער, וואו זיי ווערען קיינמאָל ניט היימיש.

וויפֿיעל לעבענס ווערט דורך דעם צובראָכען? וויפֿיעל כחות ווערען דורך דעם פֿערלאָרען? אָבער וועמען אַרט דאָס? ווער זאָל זאָרגען פֿאַר אונזער יוגענד? וועלכע אָרגאַניזאַציאָן האָבען מיר, וואָס זאָל זיין שטאַרק גענוג צו געבען הילף אין דער לאַגע?

די פֿאָדערונג, וועלכע די צייט און די לאַגע שטעלען איצט צו אונז, איז די גרינדונג פֿון אייגענע יודישע מיטלערע שולען. אין זיי וואָלט אונזער יוגענד געקאָנט קריגען די נייטהיגע בילדונג און פֿאָרבערייטונג, צו וועלכע עס איז איצט דעם יודען אַזוי שווער זיך צוצושלאָגען, און די עלטערן וואָלט פֿערגרינגערט געוואָרען די שווערע זאָרג, וואָס לעגט אַרויף אויף זיי די פֿראַגע איבער זייערע קינדער.

די יודישע מיטלערע שולען דאַרפֿען זיין ניט פֿאַרבערייטונגסשולען צו אוניווערזיטעטען, נאָר זיי דאַרפֿען זיין שולען פֿאַר זיך, וואָס זאָלען געבען אַ אָבגעשלאָסענע בילדונג און זיין צוגעפּאַסט צום פּראַקטישען לעבען. זיי דאַרפֿען זיין פֿאַכשולען, וועלכע וואָלטען צוזאַמען מיט אַלגעמיינער בילדונג זיי געגעבען פֿאַכקענטניסע אין פֿאַבריקאַציאָנסזאַכען אַזוי, אַז נאָך דעם ענדיגען פֿון אַזאַ שולע זאָל יעדער קענען קריגען פֿאַר זיך אַ ניצליכע בעשעפֿטיגונג.

די פֿאַבריקאַציאָן ברייטעט זיך איצט אויס פֿון איין לאַנד אין דעם אַנדערען, און אויך אין רוסלאַנד שטעהען איצט אויף אין אַלע שטעדט פֿאַבריקען מיט די הויכע קוימענס, זיי שטעהען אויף ווי ריעזען, וועלכע שאַפֿען אין רויך, אין פֿייער און אין גערויש פֿון די מאַשינעס נייע אוצרות, נייע אַרבייט און איין נייעס לעבען.

צו די נייע תנאים פֿון לעבען דאַרפֿען די יודען צופּאַסען די בילדונג פֿון זייערע קינדער. די פֿאַכשולען דאַרפֿען דערהויפּט האָבען דעם צוועק אַרויסצולאָזען גוטע און טיכטיגע מעכאַניקער, הימיקער, מאַשיניסטען, וועלכע זאָלען קענען גלייך פֿון די שולבאַנק אַריין אין לעבען, צו ווערען אויפֿזעהער און פֿיהרער אין קלענערע פֿאַבריקען אָדער העלפֿער פֿון אינזשענערען און מאַשיניסטען אויף גרעסערע פֿאַבריקען.

דאָס שטענדיגע וואַקסען פֿון פֿאַבריקאַציאָן פֿאָדערט תמיד טיכטיגע פֿאַכמענשען, און די פֿאַכשולען וואָלטען דערום חוץ בילדונג געגעבען אויך אונזער יוגענד אַ געזיכערטע לאַגע אין לעבען.

אַזוינע פֿאַכשולען זענען פֿאַראַן אין אַלע לענדער און דערהויפּט אין מערב אייראָפּאַ, וואו די פֿאַבריקאַציאָן שטעהט אויף אַ פֿיעל העכערע מדרגה ווי אין רוסלאַנד. די פֿאַכשולען הויבען אומער־

טום די פֿאַבריקאַציאָן, ווייל זי גיבען איהר בעסערע אַרבייטער און בעסערע קענער פֿון דער אַרבייט. עס איז ניטאָ קיין מין ארבייט, וועלכע זאָל ניט ערלערנט ווערען אין די שולען, פֿערשידענע אַרבייטען אין האָלץ, אין מעטאַל, פֿאַרבעריי, מאַלונגען אויף געוועבעכטסען, מאַלען אויף פֿאָרצעלאַן, די קונסט פֿון ארהיטעקטור, פֿון בויען מאַשינען, פֿון עלעקטראטעהניק, פֿון לאַנדווירטשאַפֿט.

די אַלע פֿאַכשולען האָבען ביי זיך ווארשטאַטען, וואו יעדען טאָג ווערט אייניגע שעה געאַרבעט, כדי פּראַקטיש צו ערלערנען דעם אָדער דעם אַנדערען פֿאַך. פֿיעל פֿאַכשולען שטעהען דערום אין פֿערבינדונג מיט פֿאַבריקען, וואו די שילער האָבען די געלעגענהייט זיך שטענדיג צוצוקוקען צו דער אַרבייט און צו דער פֿיהרונג.

פֿאַר אונז, יודען, האָבען נאָך איינענע שולען די מעלה, דאָס אין פּראגראם פֿון די למודים וועלען אויך קענען אַריינגעטראָגען ווערען די יודישע וויסענשאַפֿטען, און מיר וואָלטען דאַן געהאַט אַ געזונדע יוגענד, וואָס ווערט ניט אָבגעריסען פֿון איהר פֿאָלק, נאָר אדרבה אַ יוגענד, וועלכע ווערט דורך איהר העכערע בילדונג און רייכערע קענטניסע אַלץ מעהר צוזאַמענגעבונדען מיט דעם לעבען פֿון פֿאָלק.

אַזוינע פֿאַכשולען דאַרפֿען אָבער קאָסטען אַ סך געלד. דאָס אויפֿהאַלטען אַ פֿאַכשולע קאָסט אין פּרייסען פֿון 12 ביז 48 טויזענד מאַרק אַ יאָהר. די הוצאות פֿון אַ מיטלערער הימיש-טעכנישער שולע אין רוסלאַנד זענען אויסגערעכענט אין השבון פֿון מיניסטעריום אויף 24,897 רובל יעהרליך, די הוצאות אויף אַ טעכנישע מיטלערע שולע מיט 3 אבטהיילונגען זענען אויסגערעכענט אין רוסלאַנד אויף 69,126 רובל. דאָס איז נאַטירליך אַ הויץ דעם גרויסען קאפּיטאַל, וואָס מען דאַרף מיט אַמאָל אַריינלעגען ביים אויפֿבויען אַזאַ שולע.

וואו נעמט מען אָבער אַזוי פֿיעל געלד ? אויף פֿערקלענערען די הוצאות זענען אין רוסלאַנד געגרינדעט אין איניגע ערטער נור די העכערע קלאַסען פֿון אַזוינע פֿאַכשולען, אין וועלכע מען טרעט אריין ביים ענדיגען פֿון 5 קלאַסען פֿון איין אַנדער מיטלערער שולע, נאָר מיר מוזען רעכנען אויף אַ שולע מיט אַלע קלאַסען. ביי אונזער גרויסער אָרימקייט אָבער ליגען ביי אונז דאָך גרויסע קאפּיטאַלען אין די רעשטען פֿון קאַראבקע, וועלכע מען קען פֿערווענדען אויף גרינדען פֿאַכשולען און אויף אויסצוהאַלטען זיי. די גרויסע צאָהל פֿון שילער, וואָס וואלט געווען אין אונזערע פֿאַכשולען, וואָלט געגעבען פֿיעל צו שטייער אויף צו דעקען די הוצאות.

אויך יקא וואָלט זיך געוויס ניט אָבגעזאָגט פֿון צו שטיצען די יודישע פֿאַכשולען.

די פּעטערבורגער הברה צו פֿערברייטען בילדונג, זי איז די איינציגע, וועלכע וואָלט געדאַרפֿט נעהמען אויף זיך די ארבייט צו גרינדען יודישע פֿאַכשולען. איהר געניטקייט, איהר נאָמען, וועלכען זי האָט זיך פֿערשאַפֿט דורך איהר אַרבייט, — דאָס אַלץ לאָזען האָפֿען, אַז איהר קען אַזאַ אַרבייט געראַטען, אַז זי קען געפֿינען די מיטלען, די ערלויבע-

פֿעלעטאָן.

פון חומש ארויס.

(קליינע מעשיות פֿאַר גרויסע קינדער).

II.

דער ערשטער משורר.

קיין מענש אויף דער וועלט האָט נאָך נישט געוואוסט וואָס עס הייסט דיכטען אָדער אַ דיכטער. אַלע מענשען האָבען גערעדט פּשוטע ווערטער, אָהן קונצען, אָהן חכמות. וואָס איינער האָט געזאָגט, דאָס האָט ער געמיינט, און ווי איינער האָט געמיינט, אַזוי האָט ער גערעדט. משלים, מליצות און שירים זענען נאָך געווען אונבעקאַנטע זאַכען.

די ערשטע אויסנאַהמע פֿון אַלע מענשען, דער ערשטער משורר, איז געווען למך.

ער איז געווען אַנדערש ווי יעדער, ער איז געגאַנגען אַנדערש ווי יעדער, ער האָט גערעדט אַנדערש ווי יעדער און האָט אַלצדינג געטהון אַנדערש ווי יעדער. די מענשען פֿון זיין דור האָבען איהם דעריבער פֿיינד געהאַט שנאת-מות, חאָטש ער האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטהון...

ער איז געווען זעהר אונגעשיקט, ער האָט נישט געטויגט צו קיין שום אַרבייט אויף דער וועלט און אַז ער האָט שוין אַמאָל גענומען עפּיס טהון, האָט מען זיך געמוזט האַלטען די זייטען פֿאַר לאַכען צוקוקענדיג. זיין אונגעשיקליכקייט און זיין אונבעהאָלפֿענקייט האָט תמיד געגעבען אונטערהאַלטונג, אַז מען פֿלעגט זיך צווישען טאָג און נאַכט אַנידערזעצען אָברוהען נאָך דער אַרבייט. אַמאָל, האָט דער עולם דערצעהלט, האָט זיך למך צוקריעגט מיט זיינע פּלונית'טעס. זיי האָבען איהם פֿאָרגעוואָרפֿען, אַז ער איז אַ טויגעניכטס, אַז ער טהוט גאָר נישט און הייסט די ווייבער אַרבייטען פֿאַר זיינעט וועגען. למך האָט זיך די פֿאָרווירפֿע גענומען צום האַרצען. ער האָט אויף גיך געהאַפּט זיין פֿיילענבויגען און איז געלאָפֿען אויף געיעג, די ווייבער זאָלען זעהן, אַז ער טויג נאָך צו עפּיס. ווי ער געהט אַזוי פֿערטראַכטערהייט, האָט ער דערזעהען דעם זיידען קין פֿון דער ווייטענס, און עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אַ חיה געהט. תּיכּף האָט ער אַהין געציעלט צום זיידען און האָט איהם טאַקי דערשאָסען אויף טויט. דערנאָך, אַז ער איז צוגעקומען נעהנטער און האָט דערזעהען וועם ער האָט געשאָסען, האָט ער זיך זעהר דערשראָקען און האָט אַ פּליעסק געטהון מיט די הענד, ווי איינער זאָגט: "וואָס האָב איך געטהון?" דערווייל איז נעבען איהם געשטאַנען זיין יונגיל און ער האָט איהם מיט'ן פּליעסק דערהרג'ט. — אַזעלכע און נאָך עהנליכע מעשיות פֿלעגט מען דערצעהלען פֿון למך'ס אונבעהאָלפֿענקייט און יעדער אונבעהאָלפֿענער מענש האָט פֿון דעמאָלט אָן בעקומען דעם נאָמען "למך".

מיט דעם קאָפּ פֿערריסען אין דער הויך, קוקענדיג אין הימעל אַריין און בעטראַכטענדיג די שטערן, פֿלעגט למך ארויס געהן אין גאַס; מאַנכעסמאָל ווידער איז ער געגאַנגען אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, קוקענדיג אויף דער ערד. און גערעדט האָט ער אַזאַ לשון און אַזוינע ווערטער, וואָס קיינער האָט נישט פֿערשטאַנען. יעדער האָט איהם אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, גרויסע מענשען האָבען אויף איהם געוויזען מיט די פֿינגער און קינדער האָבען איהם נאָכגעוואָרפֿען בלאָטע. און זייט דעמאָלט איז דער נאָמען "למך" געבליבען אַ צונאָמען פֿאַר יעדען שוטה.

למך איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט צוויי ווייבער. די גאַנצע וועלט האָט זיך בעגניגט ביז דעמאָלט מיט איין ווייב און ער האָט זיך גענומען צוויי. איינע, ווי ער האָט געזאָגט, צום קינדלען און די אַנדערע אויף שענקייט... דאָס וואָלט מען שוין איהם אפשר נישט געהאַלטען פֿיר שלעכט, ווען ער זאָל נישט דאַביי זיין קיין למך און זאָל נישט די ווייבער אַזוי בעהאַנדלען גלייך ווי מענשען. ער האָט צו זיי אַנדערש גערעדט ווי אַ מאַן רעדט צו זיין ווייב, און די ווייבער אַליין האָבען פֿון איהם חוזק געמאַכט, אַז ער איז גאָר נישט קיין מין מאַן. "הער נור, איך בעט דיך!" האָט זיך אָנגעהויבען זיין שטייגער רעדען צו די ווייבער, אָדער "זיי אַזוי גוט און הער וואָס איך זאָג דיר!" — און אויף לייטיש געלעכטער האָט מען בעהאַלטען אין חומש אַ שטיקיל פֿון זיין רעדען צו די ווייבער ביז צום היינטיגען טאָג. אַלעס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז פֿערגעסען געוואָרען, עס האָט זיך קיינער נישט געקימערט וועגען דעם. נור דאָס שטיקל אויסטענה'ן זיך מיט די ווייבער איז געבליבען אויף אַ זכר. די ווייבער זענען ביי איהם געגאַנגען, ווי מען זאָגט, אין ספּאָדעק און אַז עס האָט זיך זיי אַמאָל פֿערגלוסט, האָבען זיי זיך פֿון איהם פּורש געווען, און דער למך פֿלעגט זיי נאָך איבערבעטען מיט גוטע רייד, מיט געבעט. ער האָט דאָס גאַנצע מאַנישקייט געלייגט אין דער ערד אַריין. אַזאַ למך!

למך איז געווען אַנדערש ווי אַלע מענשען פֿון זיין דור, דורכדעם האָט איהם דער פּראָסטער המון נישט געקענט ליידען, אַזוי ווי פּראָסטאַקעס קענען נישט געוועהנליך ליידען קיין שום מענש, וואָס צייכענט זיך אויס פֿון אַנדערע מענשען. אַזוי איז דער נאָמען "למך" געבליבען אַ שימפף-נאָמען ביז צום היינטיגען טאָג...

גרשם באַדער.

גיש און די אופנים ווי יודישע פֿאַכשולען צו גרינדען און ווי אַזוי זיי צו פֿיהרען. י. ל.

בריעף פֿון ווארשא.

איך האָב אייך שוין לאַנג גאָר נישט מודיע געוועזען פֿון וואַרשוי; איך האָב נישט געהאט וואָס. זומער זענען געוועזען שטאַרקע היצען, נאר זיי זענען געוועזען אין יעדען קרעה־ווינקעל — בְּכָל תְּפוּצוֹת יִשְׂרָאֵל! די געשענקטע צייט, דאָס שענע וועטער סוכות און נאָך סוכות, האָבען אַלע געהאַט און אומעטום האָבען זיך די באָרוויסע תלמוד־תורה־קינדער דערקוויקט מיט דער וואַרימער, טרוקענער ערד. דערנאָך אַז עס האָבען זיך געמאַכט פלוצים קעלטען און רעגען, האָבען זיי קיינעם נישט געפֿעהלט; נישט זיי, נישט די קינדער־קרענק—קאָקלוש, קריפ און שקארלאטינע, מיט וועלכע די קארגע וועלט וויל זיך בעפֿרייען פֿון איבריגע מיילער...

האָב איך אייך נעזאָלט מודיע זיין, אַז עטליכע יונגע לייט האָבען זיך לעבענדיגער הייט בעפֿרייט פֿון תרי"ג מצות, אָדער, ווי אַנדערע זאָגען: פֿערטווישט דאָס רענדעל? דאָס זענען ביי אונז וואָכעדיגע זאַכען! אין מאנכע קלאסען האַלט מען עס פֿאַר אַ גוט געשעפֿט: פֿאַר דער בכורה האָט מען אַמאָל געגעבען אַ ביסיל רויטען אַרבעס און מען טרעט זיי היינט אָב פֿאַר פרנסה אויף אַ גאַנ׳ץ לעבען, דער כלל־ישראל מאַכט אָבער אויך נישט קיין שלעכט געשעפֿט דערביי — „קלענער דער עולם, שענער די התונה", זאָגט דער עולם; איז נישט אַזוי ענג אין גימנאַזיום און אוניווערזיטעט...

אמת, עס האָט זיך אַ דיענסט מיידיל נאָך סוכות געהאָנגען; די בעל־הבית׳טע האָט זי חושד געוועזען אין אַ גנבה, זי האָט זי געשראָקען מיט פּאָליציי און קרימינאַל... נאר פֿון דיענסטמיידליך שרייבען האָט קיין שיעור נישט; אַ שטיק צוועלף ווערען יעהרליך געהרג׳עט, אַראָבפֿאַלענדיג פֿון דריטען און פֿערטען שטאָק, ביי׳ם וואַשען די פֿענסטער,— מאי כולי האי? דיענסט־מיידליך פֿעהלען נישט!

אויף דער ליסטע פֿון די, וואָס האָבען בענוצט מעסער אין געשלעג און בעשטראַפֿט געוואָרען פֿון וואַרשויער גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט אַרעסט ביז דריי מאָנאַט, שיינען עטליכע יודישע נעמען; נאר צו צופֿיהרען זיך דעריבער האָב איך דאָך נישט געקאָנט; דאָס זענען, חלילה, קיין בעלי־בתישע לייט; סאַמע המון עם, גראָבע יונגען, ווייס איך!

איין פֿאקט איז יאָ געוועזען אַ וואונדערליכער, דהיינו, א ווייביל, וואָס האָט געוואָלט פטור ווערען פֿון מאַן און דער מאַן האט איהר בשום אופן נישט געוואָלט געבען קיין גֶט, האָט אָבגענאַרט דעם רב און גענומען אַ פֿאַלשען גט פֿון איין אונטערגעשטעלטען מאַן; נאר דער פֿאַקט איז צו קאָמיש, ער זאָל פאַסען פֿאַר מיין שוועור געמיטה; וואָס אַ נאַרישע יודענע קען!

האָב איך טאַקי געשוויגען, ביז איך האָב נישט בעקומען עטליכע ציפֿערן, איבער וועלכע עס לוינט צו שרייבען.

דער וואַרשויער דאָזאָר (די הנהגה פֿון דער יודישער קהלה) האָט אַרויסגעגעבען (אין וואַרשויער איזרעאַליט) זיין קאַסע־בעריכט פֿון יאָהר 1899.

די הכנסות בעשטעהען:

1) פֿון עטאַט (די סומע, וואָס דער דאָזאָר צולעגט אויף די יודישע איינוואָהנער פֿון 2 ביז 375 רובל), וואָס האָט אין 1899 איינגעבראַכט 126,696 רובל.

2) הכנסות פֿון פּראַגער שוהל און מקוה (צירקא פֿערטהאַלבען טויזענד רובל).

3) אבצאָהלונגען אויף מנינים (צו 5 און 10 רובל — 1290 רובל).

4) פראצענט פֿון לעגאַטען (קרן קימת׳ן, אַ 13 טויזענד רובל).

5) נדבות (קנאַפּע 45 טויזענד רובל).

6) פֿון צדקה פושקעס (אַ רובל טויזענד).

7) % פֿון זאַפּאַסנע קאַפּיטאַל (דריטהאַלב טויזענד רובל).

8) פֿון כתובות פֿערקויפֿען און נדבות פֿאַר חופּות געבען (קנאַפּע טויזענד רובל) און —

9) פֿון שטראָפֿען, מיט וועלכע דאס געריכט בעלעגט פֿאַר נישט מאַכען מעטריקעס צו דער צייט (202 רובל).

די הוצאות זענען געוועזען.

א) אויסהאַלטען פֿון ראַבינאַט (געהאַלט פֿאַר דַיָנִים 9380 רובל), דאס ביוראָ אויף גרזיבאַוואָסקא 26, געהאַלט פֿאַר אַ יודישען געלעהרטען ביים וואַרשויער גענעראַל גובערנאַטאָר (900), אויפֿהאַלטען די קהל׳שע מקוה און שול אין פראגע א. ד. גלייכען — נישט פֿאָרגעזעהענע אויסגאַבען —	27,785,42 רובל.
ב) אויף ערציהונג דהיינו: א תלמוד תורה (16,213,05), עלעמענאַר־שולען (29,540), וואַרשטאַטען (17,842,09), פריאַוטען (6147,30), שכר למוד פֿאַר אָרימע קינדער אין פריוואַט און רעגירונגס שולען (1,108,50), צוזאַמען	„ 70,850,94
ג) שטיצע: דעם יודישען שפיטאַל אין וואַרשוי (18,000 רובל), דעם הויז פֿאַר אַלטע און יתומים (—מושב זקנים ויתומים — 6950), קוראַציאָנס־קאָסטען פֿאַר וואַרשויער אָרימע לייט אין פראַווינץ, שטיצע פֿיר שפיטעלער אין פראָווינ׳ץ (831,33)	„ 27,781,33
ד) אויפֿהאַלטען דאס בית־עלמין	„ 19,883,21
ה) אויפֿהאַלטען דען לאמבארד (כשר׳ע הלואה).	„ 1,529,56
ו) צדקה: מאשינען און אינסטרומענטען פֿאַר אָרימע בעלי־מלאכות (1067,74), נדבות אין באַר (14714,02), אויף פסח־געלד און מצה־מעהל פֿאַר אָרימע לייט און אַרעסטירטע (7733,27) הייצען אויף ווינטער—(קוילען — 3592,34), קליידונג (הלבשת ערומים) פֿאַר אָרימע לייט און תלמוד־תורה קינדער (4703,21), הילף פֿאַר קראַנקע (9282,97) א. ד. ג.	„ 42,538,38
ז) „לְקַיֵים דִבְרֵי הַמֵת" — אויסצאַהלען אָרימע קרובים, מאַכען אַזכרות נשמות לויט צוואות —	„ 8,222,67
ח) ניט שטענדיגע הוצאות: צוקויפֿען אַ פלאַ׳ץ פֿאַר׳ן פּראַגער בית־עלמין, (22,750,74) % פֿון דער הלואה אייפ׳ן נייעם יודישען שפיטאַל (18,000)	„ 40,750,74
בס"ה	„ 254,187,55

דעם עודף פֿון דער הוצאה אויף דער הכנסה, (10,000) האָט מען גענומען פֿון זאַפּאַסנעם קאַפּיטאַל.—

מיר זעהען גרויסע ציפֿערן, נור אָרימע ציפֿערן לויט דער בעפֿעלקערונג פֿון וואַרשוי... אַ היבשער פּראָצענט געהט, ווי עס דאַרף צו זיין, אויף „למוד" און „חנוך", נאר, ווי עס איז בעקאַנט, פֿערזאָרגט ווערען ווער ווייס איבער 40 פּראָצענט אָרימע קינדער; די צדקה ציפֿערן זענען נאָך אָרימער...

אין וואַרשוי האָבען מיר לערך 40 טויזענד יודישע פֿאַמיליען, פֿון זיי לכל הפחות 15,000 פֿאַמיליען אָהן דער מעגליכקייט צו ערציהען קינדער און 10 טויזענד כמעט אָהן ברויט...

אויסער דעם דאָזאָר זענען פֿערהאַנען פֿיעל צדקה חברות, וואס העלפֿען פּריוואַט, לויט דער מעגליכקייט פֿון קליינע, שטילע חברות, נאר דאָס אַלץ קלעקט זעהר וועניג. איבערהויפּט בעמערקט זיך די אָרימקייט פֿון דער וואַרשויער געמיינדע שוין דערינען, אַז די געמיינדע האט נור איין שוהל אין פּראַגע, די קאָהרשוהל אין וואַרשוי איז אַ פּריוואַט־אייגענטהום פֿון רייכע לייט, דער רעשט זענען מנינים, פֿון וועלכע מען צאָהלט דעם דאָזאָר 5 צו 10 רובל אַ יאָהר!

די גרעסטע יודישע געמיינדע אין אייראָפּא האט קיין אייגענע שוהל!

פֿון דעם גאַנצען רייכטהום. פֿון גרויסע ציפֿערן שיינט אַרויס דאס יודישע דלות!

די „געזעלשאַפֿט נעגען בעטלעריי" האט איינגעפיהרט אין ווארשוי בעוועגליכע קיכען, וואָס פֿאָהרען אַרום אין די גאַסען, שטעלען זיך אָב ביי פֿאַבריקען, וואַרשטאטען און דערגלייכען, און פֿערקויפֿען ביליג הייס עסען... אין דער געזעלשאַפֿט זענען יודען פֿערהאַנדען, רייכע יודען צאָהלען — נאר פון די בעוועגליכע קיכען קענען אָרימע יודען נישט ניצען; די געזעלשאַפֿט זאָגט: עסט! אָרימע יודען זאָגען: נישט כשר, מען טאָר נישט! שלינגען די סלינע און געהען פֿאָרביי...

און די אָרימע און רייכע לייט טרייסטען זיך:

— אַז משיח וועט קומען, טרייסטען זיך אָרימע לייט, וועט אונזער רעליגיאָן זיין אָפֿיציעל אין אונזער לאַנד, און אַלע וועלען דאָרט מוזען עסען כשר אָדער פֿערהונגערן, ווי מיר היינט.

רייכע זאָגען:

— גוט וועניגסטענס, וואס מען לאָזט אונזער געלד אַססימילירען.

נישט אַלע דאָך זאָגען; מאַנכע טראָגען שוין אין דאָזאָר אַריין נדבות, מען זאָל איינריכטען אַ יודישע כשר'ע בעוועגליכע קיך...

— פֿאַר וועמען? פֿרעגען אַנדערע. וואו האט איהר יודישער ארבייטער אָהן אַ היים?

נאר די צדקה־געבער ווייסען, אַז מאַסען יודישער טרעגער שטעהען אַ גאַנצען טאָג אין גאַס און לעבען גאַנצע טעג אָהן „אַ לעפֿעל וואַרים וואַסער"; אַז מאַסען יודישע מיידליך און יונגליך אַרבייטען פון 7, 8 אין דער פֿריה ביז 10 און עלף ביינאַכט אין פֿאַבריקען און וואַרשטאַטען, בעקומען קיין צייט נישט אויף אַהיים געהען מיטאָג עסען און מוזען זיך בעגניגען מיט טרוקען ברויט... אַז די אָרימע תלמוד־תורה קינדער, וואָס געהען פון אַלע וואַרשויער ווייטע עקען אין די צוויי יודישע ביליגע קיכען אויף ביליגע און פֿרייע מיטאָגען, געהען ווינטער אויס אויפ'ן וועג פֿאַר קעלט... (זומער בעקומען זיי דערוויל קיין מיטאָגען נישט), אַז ווינטער צייט לעבען מאַסען יודישע פֿאַמיליען אָהן וואַרים עסען, ווייל עס איז נישט דאָ מיט וואָס אונטערצוהייצען, ווייל קוילען ווערען יעדעס מאָל טייערער...

פון בריעף וועלען עס אפשר אויך אַנדערע וויסען?.. צי לעזען רייכע יודען דעם אָרימען יודישען „יוד"? ווער ווייס? פון דאָקטוירים און אַדוואָקאַטען, וואס לעזען יודיש, לאָזט זיך שוין הערען; אויף באַנקירען און גרויסע סוחרים וועט אויך אפשר קומען אַ מאָל אַ צייט...

ישראל שווערגעמוטה.

בריעף פון דער פאריזער אויסשטעלונג.

IV.

מיר זענען אַרויס פון דער אַלטער, געשטאָרבענער וועלט. פֿאַר אונז ציהט זיך אויס די ברייטע גאַס, ניקאָליי II, בעפֿלאַנצט מיט בוימער און פֿערציערט פון ביידע זייטען מיט שטיינערנע און בראָנזענע בילדער. אונזער בליק פֿאַלט אויף די פראַכט וואָס ליגט פֿאַר אונז און וועלכע ווייזט אויס ווי אַ לויב־ליעד פֿונ'ם נייצעהנטען יאהרהונדערט. אָט איז די וואונדערשענע אַלעקסאַנדער־בריק, ווייס ווי זילבער און געשפּריינקעלט מיט גאָלדענע בלומען. פון די פֿיער עקען פון דער בריק שפּרינגען אַרויף אין דער הויך, צום הימעל, שטאָלצע, גראָבע זיילען, אויף וועלכע עס שוועבען געפֿליגעלטע, פֿערגאָלדעטע פֿערד. אַ סך קינסטלער האבען געאַרבעט ביי דער בריק, דען פון אַלע זייטען שפּרינגען אַרויס שענע זינבילדער פון בראָנז, פון מאַרמאָר און פון שטיין. פון אומעטום שיסען אַרויס וואונדערליכע לייכטער, זעלטענע מנורות, גרינע, פֿערגאָלדעטע, קופערנע און גלעזערנע. רייכטהום און קונסט שטעקט אין אַלע זייטען.

מיר האָבען קיין צייט נישט זיך אומעטום אָבצושטעלען; דער יס פון מענשען טרייבט אונז אַרויס אויף דעם גרויסען אינוואַלידען־פּלאַץ, וואו עס ציהען זיך אויס אין צוויי פֿליגלען אַלע קונסט־אַרבייטען, מעבעל, טאַפּעטען, ציהרונגען, שפּיגלען, געפֿעס און בילדער וואָס די מענשליכע אַרבייט האט אַרויסגעגעבען אין די לעצטע צייטען, איז אַלע לענדער. אין דעם אויבערשטען שטאָק פון דעם לינקען פֿליגעל האָבען די גרויסע פאַריזער געשעפֿטען פון מעבעל אויפֿגעבויט לאַנגע שורות פון סאַלאָנען, וואו עס זענען אויסגעשטעלט מעבעל פון אַלע צייטען, פון אַלע נאַציאָנען, און נאָך אַלע געשמאַקען. דאָס אויג בלאָנזעט אַרום און פֿרעגט זיך ווי אַזוי דער מענשליכער געדאַנק האט געקענט צונויפֿמישען אַזוי פֿיעל חלום מיט ווירקליכקייט, אַזוי פֿיעל געשמאַק מיט רייכקייט, אַזוי פֿיעל לוקסוס מיט עדעלקייט. סאַלאָנען פון לודוויג דעם פֿיערצעהנטען שמייכלען אַריבער צו יאַפּאַנעזישע קליינע צימער. אַ־נ־אַלט גריכיש הויז מיט זיינע עדלע, קאַלטע מאַרמאָרטישען מיט זיינע וואונדערליכע בלומען קוקט פֿערחלומ'ט אַריבער צו אַ פֿרעכטיגען פֿערגאָלדעטען זאַל פון לודוויג דעם פֿופֿצעהנטען. עס איז אַ לאַנגע שורה פון צימער, וואו יעדע פֿאַנטאַזיע געפֿינט איהר זאַך. סאַלאָנען נאָך דעם לעצטען געשמאַק, מיט פֿערבלומטע ווענד, מיט זיידענע בלויע דעכער, מיט פֿערגרויטע, פֿערשנעעטע בילדער, שטעהען נעבען פֿערגאָלדעטע גלאַנצענדיגע צימער, וואו דאס אַכצעהנטע יאָהרהונדערט האט אַריינגעגאָסען זיין גאַנצען גלאַנץ און זיין גאַנצע פראַכט. אַלטע ביבליאָטעק־צימער פון דעם פֿופֿצעהנטען יאהרהונדערט, מיט טונקעל גרויע ווענד, בעדעקט מיט האָלץ־שניצערייען, מיט גרויסע, שוואַרצע, שווערע מעבעל, שטעהען נעבען עלעגאַנטע ענגלישע סאַלאָנען מיט לאַקירטע גרינע טישליך, מיט בלייך־בלויע זיידענע קאַנאַפּעס, מיט עדלע פֿערבלומטע גלאָזוואַרג, דין ווי אַ הויך.

בכלל איז צו בעמערקען, דאס אין דער אָבטהיילונג פון דער אויסשטעלונג, ווי אין אַ סך אַנדערע אָבטהיילונגען איז פֿאַראַן אַ גרויסע, קונסטליכע און וויסענשאַפֿטליכע מלחמה צווישען דער פֿערגאַנגענער צייט און דער היינטיגער, צווישען די קינסטלער און בעלי־מלאכות וואס האַלטען זיך אָן מיט זייערע לעצטע כוחות אָן די אַלטע געשטאַלטען, אָן די אַלטע פֿאָרמען, און צווישען די וואס זוכען נייעס, וואָס געהען אַרויס פון די אַלטע האַלאָבליעס און זוכען נייע וועגען, נייע אופֿנים. ס'איז אַ מלחמה צווישען דעם אַכצעהנטען און נײנצעהנטען יאָהרהונדערט. פון ביידע זייטען סטאַרען זיך די קונסטלער צו בעווייזען אין וואס בעשטעהט אמת'ע שענקייט און אמת'ער געשמאַק. פון איין זייט ציהען זיך אויס די שווער פֿערגאָלדעטע, פֿערבראָנזטע קאַנאַפּעס, בענקליך, בעדעקט מיט אַלטע טאַפּעטען וואָס שטעלען פֿאָר גריכישע סצענען, גריכישע בלומען, גרויסע קאָמאָדען, מאַרמאָרטישען, שאַפֿעס מיט בראָנז פֿערציערט, גרויסע ליכטיגע בילדער מיט שווערע, פֿערגאָלדעטע ראַמען, ווענד מיט פֿערגאָלדעטע ליניען און מיט ווייסע, זיידענע בלומען. פון דער אַנדער זייט ציהען זיך אויס, מיט גאָר איין אַנדער געשמאַק, עדלע, וואונדערליכע מעבעל, פון זעלטענע פֿאָרמען, בעדעקט מיט גרינעם אָדער ווייסען לאַק; הילצערנע בעטען מיט וואונדערליכע בלומען, האַלב בלוי, וואָס זיצען אויף לאַנגע איינגעבויגענע שטענגלען; בילדער האַלב פֿערוואָלקענט, אין וועלכע עס איז קוים צו דערקענען זייערע פֿערשלייערטע געשטאַלטען, זייערע וואַסערען אָהן אַ סוף און זייערע פֿערשלאָפֿענע וועלדער.

ווער פון די בַּעֲלֵי־מִלְחָמוֹת וועט גובֵר זיין? תֵּיקוּ, בלייבט אַ קַשְׁיָה. מסתמא וועט די צוקונפֿט האַלטען מיט די, וועלכע זענען נישט צופֿרידען מיט די אַלטע אויסגעטראָטענע דְרָכִים; מיט די וואָס זוכען נייע וועגען, פֿאַר אַ נייע מענשהייט, פֿאַר נייע מוחות, פֿאַר אַ געשמאַק וואס בייט און בענייט זיך אַלע מאָל.

מיר געהען ווייטער; פֿאָריבער איז דאָס מעבעל. אַ וואַלד פון טאַפּעטען ציהט זיך אויס, העט פון דער הויך פון דעם דאַך, ביז אַראָב צו דער ערד. פֿערשיעדענע פֿאַרבען, פֿערשיעדענע שטאָפֿען, פֿערשיעדענע געוועבעכצער מישען זיך צונויף אין איינעם. איין פֿאַבריק האַלט מלחמה מיט דער אַנדערער, כדי צו פֿערדינען דאס לויב פון די מבינים און פון די סוחרים. די גאָבעלען־טאַפּעטען, די געוועבעכצער פון דער אַלטער, וועלטבעריהמטער פֿאַבריק שטעהען אַזוי ווי שטרענגע שומרים אַרום זייער גרויסען כבוד, אַרום זייער נאָמען און לאָזען קיינעם נישט צו, ער זאָל זיי חלילה בעפֿלעקען. די פֿאַבריק איז נאָך געגרינדעט געוואָרען אין דעם יאָהר 1600. דעמאָלט האט מען ערפֿונען אין פֿראַנקרייך וואונדערליכע פֿאַרבען און וואונדערליכע מיטעל ווי אַזוי די

פֿאַרבען אויפֿצוהאַלטען אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען. דער עולם האט די וואונדערליכע פֿאַרבען צוגעשריבען דעם טייכיל ביעווער, מיט זיינע וואַסערן, וואָס זענען נעבען דער פֿאַבריק פֿאַרבייגערונגען. די קונסטלער, וואס האָבען געוואָלט דאָס דער אמת'ער סוד זאָל בלייבען בעהאַלטען, האָבען דעם עולם געלאָזט רעדען און דערווייל געטהון זייערס... ענדליך האט זיך לודוויג דער פֿיערצעהנטער גענומען צו דער זאַך; ער האָט פון דער פֿאַבריק געמאַכט אַ קעניגליכע וואַ־שטאַט, ער האָט זי בעסער איינגעריכטעט, און האָט די הַנְהָגָה איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם גרויסען מאָלער, לעברען. פון דעמאָלט אָן זענען געוואָרען די גאָבעלען־טאַפעטען אמת'ע קונסטזאַכען, אמת'ע ציהרונגען. גרויסע מאָלערס, גרויסע פֿערציערערס, וועבער און חעמיקער האָבען זיך געגעבען די האַנד, אום פון אַ רויהער זאַך צו מאַכען פראַכטפֿאָלע ציהרונגען. היינט זענען די טעפיכער בעקאַנט אין דער גאַנצער וועלט. נעבען די גאָבעלען קעמפפֿען מיט שטאָלץ און מיט כבוד די געוועבע פון אָביסאָן. אין דער פֿאַבריק זוכט מען שוין נייע וועגען אין דער קונסט, מען זוכט צו בענייערען דעם געשמאַק און נאָכצוגעהן דער צייט. און אין די לאַנגע גענג ציהען זיך אויס נאָך און נאָך שטאָפֿען און געוועבעכצער. מיר לויפֿען שנעל פֿאָראיבער. אָט זענען מיר אין דער אַבטהיילונג פון דעם פאַפיער, פון דעם געמאָלטען וואַנד־פאַפיער. די וועלט האט געמאַכט פֿאָרטשריטע, דער געשמאַק האָט זיך ענטוויקעלט; ער איז אַראָב פון די הויכע פֿענסטער אין די נידריגע הייזליך פון די קליינע בעלי־בתים. היינט וויל יעדער ביי זיך אין שטוב האָבען עפיס שעהנס, עפיס קינסטליכעס און פֿאַר ווייניג געלד. אָט פֿאַר די קליינע בייטעליך זענען נאָכגעמאַכט די וואונדערשעהנע מאָלערייען אויף פאַפיער. דער אָרימאַן וועט אויך קענען האבען ביי זיך אין שטוב אַ ליכטיגען בילד, אַ שענע וואַנד: ער וועט האבען פֿאַר די אויגען דאָס אייגענע בילד וואס דער רייכער. אויך ער וועט קענען אַביסיל הנאה האבען פון דעם קליינעם וועלטיל, און פֿאַר ווייניג געלד וועט ער ביי זיך האבען פאַפירענע בילדער, פאַפירענע טעפיכער.

מיר געהען פֿאַרביי פֿאַר אַ קליינער אויסשטעלונג: די געשיכטע פון דעם מעבעל אין דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט. איין איינפֿאַך צימער שטעהט מיט זיין שטילער פראָסטקייט; יעדעס שטיקיל מעבעל דערצעהלט אַ לאַנגע מעשה פון פֿאָלקס־צרות, פון אָרימקייט, פון בעפֿרייאונג. נעבען דעם צימעריל ליגט אַ פראַכטפֿאָלער סאַלאָן פון נאַפאָלעאָן דעם ערשטען, פון דעם זוהן פון דער רעוואָלוציאַן וואס האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין מאַמען און זיך אַרויסגעריסען פון די מאָגערע אָרעמס פֿונ'ם פֿאָלק... און כסדר, נאָך דער שורה שטעהען פרעכטיגע סאַלאָנען פון לודוויג דעם אַכצעהנטען, קאַרל דעם צעהנטען, לאָוי־פיליפ, נאַפאָלעאָן דעם דריטען. אומעטום ליגען אַלטע זכרונות, פון איין אַלטער וועלט, וועלכע איז שוין לאַנג פֿערשטאָרבען. ביי היינטיגע טעג, ווי אייזענבאַהנען, עלעקטריציטעט און אַנדערע כוחות מעסטען דורך די וועלט, לויפֿען די צייטען שנעל אַוועק; און אַ וואַנד פֿון 20 יאָהר איז אַזוי דיק, זי טיילט אַזוי שטאַרק אָב איין צוטהייל פֿון דעם אנדערען אזוי ווי עס וואָלט געוועזען א יאהרהונדערט.

מיר וואַרפֿען אויף גיך אַ קוק אויף דעם מעבעל פון דעם פֿאַבריקאַנט און קינסטלער לינקע. ביי איהם האט דער דייטשער קייזער געקויפֿט אַ טישיל, א שאַפֿע און א זייגער פֿאַר דעם שפאָטביליגען פרייז פון 270 טויזענד פֿראַנק! פֿאַר אונז יאָגען פֿאַראיבער, ווי די ניט גוטע, פֿענסטער בעלאָדען מיט כל־טוב, פֿאַרבען, פאַפירען, קונסט־זאַכען, אינדוסטריי־זאַכען, זייגערס פֿערשיעדענע, פון אַלע געשטאַלטען, זייגערס ווי לאָקאָמאָטיווען, זייגערס ווי קריעגס שיפֿען, זייגערס ווי ברונענ'ס א. ז. וו. מיר קומען צו צו דער אָבטהיילונג פון זילבער און גאָלד־וואַרג, פון ציהרונג, פון דיאַמאַנטען, פון קונסטזאַכען. עס פֿונקעלט אין אַלע זייטען, פון די אוצרות, פון די שאַפֿעס. אָט איז דער „זשיבילע", אַ דימענט פון 270 קאַראַט! דער גרעסטער אין דער וועלט. ער געהערט צו אַ גאַנצער געזעלשאַפֿט, וועלכע קען איהם נישט פֿערקויפֿען. דען אַזא דימענט האט נישט קיין פרייז און נישט קיין בַּעֲלָנִים. טאָמיר וועט זיך פֿאָרט אַמאָל אויף איהם אַ פרינץ פון טויזענד, און איין נאַכט מרחם זיין... אָרימע, אָבגעריסענע, הונגעריגע שלעפערס קוקען מיט ברענענדיגע אויגען אויף די גלעזערנע שאַפֿעס, פון וואַנען עס גיסען זיך פֿונקלענדיגע קוואַלען פון גאָלד, פון זילבער, פון דימענטען, פון געפֿאַרבטע קאָסטבאַרע שטיינער און פון עשירות אָהן אַ שיעור...

מיר קומען אָן צום ענדע פֿונ'ם לינקען פֿליגעל. געיאָגט ווי פון אַ שלעכטען חלום, לויפֿען מיר אַריבער צום רעכטען פֿליגעל פון דעם גרויסען אינוואַלידען־פלאַץ. פֿאַר אונזערע מידע אויגען ציהען זיך אויס נייע פרעכטיגע זאַכען. אַלסדינג וואס פֿראַנקרייך בעזיצט אין פאָרצעלאַן פֿאֱבריקען, אין געשיר און כלים פון שטיין, אין ערד, ליים און אין גלאָז ליגט אויסגעשטעלט פֿאָר אונז. סעוור, דאס וועלטבעריהמטע עדלע סעוור מיט זיינע פֿיינע, קונסטליכע פאָרצעלאַנס, מיט זיינע געפֿלאַמטע געפֿעס, מיט זיינע אויס ערד געקאָכטע בילדער, מיט זיינע פאָרצעלאַן־שפיצען קומט אונז אַקעגען. און אַלץ ווייטער און ווייטער פֿונקעלט עס. אָט איז די וועלטבעריהמטע פאָרצעלאַנפֿאַבריק לימאָזש מיט איהרע וואונדערבאַר געפֿאַרבטע וואַזעס, מיט איהרע געפֿלאַמטע, איינגעברענטע מעטאַל־פֿאַרבען, מיט איהרע געפֿאַרבטע עמאַילס. אָט איז דער קריסטאָל־פאַלאַסט מיט זיינע פֿונקלענדיגע כלים, בילדער, געשיר, קריגליך, מעסער. אַלסדינג איז פון לויטער קריסטאָל און גיסט אויס אין אַלע זייטען טייכען פון ליכט. און מיר קומען ווידער צו שטיין און בראָנז בילדער־אויסשטעלונגען. אַלסדינג וואס די היינט מאָדישע געפֿאַרבטע סקולפטור האט אין זיך לויפֿט פֿאַר אונז פֿאַרביי.

און מיר קומען אָן צום ענדע פון דער פֿראַנצויזישער אָבטהיילונג. מיר הויבען אָן אונזער שפאַציערגאַנג אינ'ם אויסלאַנד. יאַפאַן קומט אונז אַקעגען מיט זיינע וואונדערשענע פאָרצעלאַיענע כלים, מיט זיינע האָלץ־און ביין־שניצערייען. די שווייץ ברענגט מוסטערן פון איהרע וועלט־בעריהמטע זייגערס און פון איהרע האָלצ־שניצערייען. מיר לויפֿען פֿאָראיבער ביי שפאַניען. דאס לאַנד איז אַראָבגעפֿאַלען טיעף אין דער ערד און קען זיך נישט אויפֿהויבען. די אינדוסטרי און קונסט זענען שטיקליך איבערבלייבענישען פון אַלטע צייטען. עסטרייך ווייזט אונז די שעהנע בעהמישע קריסטאָלען, פֿיינע מעבעל א. ז. וו. אונגאַרען האט דאָס מאָל געוואָלט ווייזען, דאס עס איז אַ יונג און קרעפֿטיג פֿאָלק, וואס האט אַ גרויסע צוקונפֿט. אַ סך יודישער כח און יודישער מח שטעקט אין דער אונגאַרישער אינדוסטרי; מסתמא ווילען די אונגאַרען אַמאָל דעם יודען אָבדאַנקען פאר אַלע די טובות... דענעמאַרק, שוועדען און נאָרוועגען שטעהען נישט צוריק פון אַ סך אַנדערע גרויסע לענדער. דאָרט זענען דאָ זעהר שענע שטאָפֿען, טעפיכע און וועבערייען. איטאַליען האט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיינע עלעגאַנטע, לייכטע מעבעל; צו בעוואונדערן אין דעם לאַנד זענען די פֿערשיעדענע מאָזאַיק פון רוים און פון טאָסקאַנאַ; די קאָראַלענאַרבייטען פון נעאַפאָל; די קריסטאָל־געפֿעס פון ווענעדיג. און מיר געהען שנעל ווייטער. אָט איז ענגלאַנד מיט זיין שענער פֿרישער און יונגער קונסט, וואו די שענקייט מיט דער ניצליכקייט קומען זיך צונויף. וואונדערשען מעבעל, וואו די פֿרישקייט און די אַנגענעהמקייט מאַכען אונז פֿערגעסען דעם דרויסענדיגען ווינטער. אָט זענען די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא מיט זייערע זייגערס, גאָלדוואַרג, דימענטען און ניימאָדנע מעבעל. אַביסיל לענגער וועט אונז אָבהאַלטען דייטשלאַנד. דער דייטשער קייזער האט געוואָלט ווייזען דער וועלט די גרויסע ריעזענשריט, וואס דאס לאַנד האט געמאַכט אין די לעצטע 20 יאהר. ער האט זיך אַ גרויסע מיה געגעבען. און אין דער אמת'ן וועט דייטשלאַנד אַרויס פון דער אויסשטעלונג מיט אַ גרויסע קרוין אויף דעם קאָפ. די זאַקסישע פאָרצעלאַנס מיט זייער ווייסען גלאַנץ, מיט די עדלע איינגעברענטע פֿאַרבען, מיט דער פֿיינקייט פון די געשטאַלטען און פון דעם מאַטעריאַל, זענען אַזוי בעריהמט ווי סעוור. נישט ווייניגער שען זענען די ניערענבערגער שפיעלצייג פֿאַר קינדער, די היילבראָנער גאָלדשמיעד־אַרבייטען. דייטשלאַנד האט אַוועקגעוואָרפֿען כמעט אין גאנצען די אַלטע נוסחאות, די אַלטע סטילען און האט זיך איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען דעם נייען קונסטסטיל, דעם נייעם געשמאַק. דעריבער זעהט מען אין איהר אויסשטעלונג אַזוי פֿיעל וואונדערליך געשניצט מעבעל, אַזוינע

זעלטענע פֿערציהרונגען, וועלכע וועקען אויף אין מח און אין דער נשמה אַזוי ווי אַ הויך פֿון פּאָעזי און פֿון שענקייט.

מיר לויפֿען פֿאָרביי בעלגיען, ביי דעם וואונדערליכען קליינעם לאַנד וואס האט שוין אַוועקגעשענקט דער מענשהייט אַזוי פֿיעל קונסט און אינדוסטרי.

אין רוסלאַנד זעהט מען אַ סך גלאָז וואַרג, אַ סך קלויסטער ציהרונגען, אַ סך קריסטאָל און אַ סך אַרבייטען פֿון עדעלשטיינער אויס דעם אוראַל. אַ גרויסע מענגע פֿון מענשען שטעהען ביי דער קאַרטע, וואָס דער רוסישער קייזער האָט געשענקט דער פֿראַנצויזישער רעפּובליק. די זעלטענע קאַרטע האט די גרויסקייט פֿון אַ קוואַדראַט־מעטער. יעדע פֿראַנצויזישע פּראָווינץ איז געמאַכט פֿון איין אַנדער טייערען שטיין; די טייכען זענען געגאָסען פֿון גאָלד, און יעדע שטאָדט איז בעצייכענט דורך אַ גרויסען דימענט.

דער דימענט, וואס בעצייכענט די שטאָדט פּאַריז, האָט אַ ווערט פֿון אַ מיליאָן פֿראַנק! מעהר פֿון הונדערט און פֿופֿציג קונסטלער האָבען ביי דעם קונסטווערק אַכצעהן חדשים געאַרבייט!

און אַ סוף. מיר זענען ביים ענדע פֿון דער לאַנגער גאַלעריע, וואו אַ גאַנצע מענשהייט האָט געאַרבייט און צונויפֿגעטראָגען איהר אַרבייט פֿון די הענד און מח. מיר געהען נידערגעשלאָגען אַרויס פֿון די זאַלען. מיר דערקענען אונזער ווינציגקייט, אונזער קליינינקייט אַקעגען דער גרויסער מאַכט פֿון די מענשען, וועלכע דענקען, קלערען און בעשאַפֿען. ווי גליקליך דאַרף זיך דער פֿיהלען, וואס האָט אין זיין קורצ'ן לעבען געעפֿענט אַ נייעם וועג פֿאַר דער חכמה און האָט דעם מידען בן־אדם געהאָלפֿען זיך אַרויפֿצודראַפּען, מיט אַ טרעפּ העכער, אויף דער לאַנגער לעבענסלייטער... הצופה.

פּאָליטישע איבערזיכט.

די לאַגע פֿון חינא.— דער דרייבונד.—דער האַנדעלס קאָנטראַקט מיט רוסלאַנד.— די לאַגע אין פֿראַנקרייך.— די וואַהלען אין אַמעריקא.

די פֿאָדערונגען, וועלכע דייטשלאַנד און ענגלאַנד האָבען צוזאַמען אַרויסגעשטעלט, זענען אָנגענומען געוואָרען פֿון אַלע מלוכות, און איצט איז שוין קיין זאַך ניט געבליבען, וואָס זאָל קענען ווייטער נאָך שטערען די פֿערהאַנדלונגען וועגען שלום. די געזאַנדטען פֿון די פֿעראייניגטע מלוכות זענען אַלע צונויפֿגעקומען קיין פּעקין און זיי האָבען שוין אָנגעהויבען זיך מְיַעֵץ צו זיין וועגען די תְּנָאִים פֿון שָׁלוֹם. די געזאַנדטען האָבען צו דעם צעטעל פֿון די בעאַמטע, וועלכע דאַרפֿען בעשטראָפֿט ווערען פֿאַר די רְצִיחוֹת געגען די פֿרעמדע, צוגעזעצט נאָך איינִיגע נעמען. כְּדֵי צו געבען דער חינעזישער רעגירונג די מעגליכקייט צו בעצאָהלען די פֿרעמדע מְלוּכוֹת זייערע הוֹצָאוֹת, וואָס זיי האָבען געהאַט אין דער מִלְחָמָה, ווערט געפּלאַנט צו פֿערגרעסערען אויף 15 פּראָצענט די אָבצאָהלונגען ביי די טאָמאָזשנעס, דאָס וועט אַריינברענגען נאָך דעם חֶשְׁבּוֹן פֿון די געזאַנדטע 50 מיליאָן פֿונט אַ יאָהר.

די חינעזישע פֿראַגע וועט אין גיכען אַרויסרופֿען הייסע וִיכּוּחִים אין דייטשען פּאַרלאַמענט. די חינעזישע מלחמה איז אָבגעשפּילט געוואָרען אין זומערצייט, בְּעֵת דער פּאַרלאַמענט איז געוועזען פֿערמאַכט. די גרויסע הוצאות, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגעפֿאָדערט, זענען געמאַכט געוואָרען אָהן די בעשטעטיגונג פֿון פּאַרלאַמענט. די גאַנצע פּאָליטיק פֿון דער דייטשער רעגירונג אין חינאַ וועט דאַרום איצט ביים עפֿענען פֿון פּאַרלאַמענט אַרויסרופֿען אַ שאַרפֿע קריטיק. אמת, די רעגירונג האָט אפילו ניט וואָס מורא צו האָבען, ווייל עס איז ניטאָ דער קלענסטער סָפֵק, אַז דער פּאַרלאַמענט וועט די הוצאות בעשטעטיגען; אָבער דאָך, זאָגט מען, אַז די נייטהיגקייט זיך צו פֿערענטפֿערן פֿאַר דעם פּאַרלאַמענט איז געווען איינע פֿון די סִבּוֹת, וואָס האָט אַרויסגערופֿען די איצטיגע פֿערענדערונג אין דייטשען מיניסטעריום.

גרעסערע שוועריגקייטען וועלען מאַכען דער דייטשער רעגירונג און דעם גראַף ביולאָוו די פֿראַגע איבער די פֿעראייניגונג מיט עסטרייך און איטאַליען און די פֿראַגע איבער די האַנדעלסקאָנטראַקטען.

דער בונד מיט עסטרייך און איטאַליען איז געגרינדעט געוואָרען אין 1882-סטען יאָהר, זיין טערמין געהט אויס אין דעם קומענדיגען יאָהר. זאָל מען דעם בונד ווידער בענייען אָדער ניט? אין די לעצטע יאָהרען האָט זיך דאָס פּאָליטישע לעבען אין אייראָפּאַ שטאַרק אומגעענדערט. איטאַליען האָט אפילו קיינמאָל קיין גרויסע ראָליע אין אייראָפּאַ ניט געשפּיעלט, אָבער נאָך איהר מלחמה מיט אַבעסיניען האָט זי איהר בעדייטונג אין גאַנצען פֿערלאָרען. עסטרייך איז צופֿיעל פֿערנומען מיט איהרע אייגענע אינעווייניגסטע פֿראַגען, זי זאָל קענען זיך מישען אין פֿראַגען פֿון אַלגעמיינער פּאָליטיק. דערום האָבען די ביידע פֿערבינדעטע פֿאַר דייטשלאַנד פֿערלאָרען דעם ווערט, וואָס זיי האָבען אַמאָל געהאַט. זוכענדיג אַ גרעסערע ראָליע אין דער פּאָליטיק, הויבט אָן דייטשלאַנד זיך אומצוקוקען נאָך אַנדערע פֿריינד, נאָך גרעסערע און שטאַרקערע. די לעצטע יאָהרען האָט זיך דייטשלאַנד בעמיהט, וואָס נעהנטער זיך צו שטעלען צו רוסלאַנד און פֿראַנקרייך אַזוי, אַז עס ווערט שוין איצט מעגליך צו רעדען וועגען אַ בונד צווישען דייטשלאַנד און די לעצטע צוויי אָנגערופֿענע מלוכות. צו גלייכער צייט סטאַרעט זיך דייטשלאַנד זיך שטאַרקער צו פֿערבינדען מיט ענגלאַנד. די פֿריינדשאַפֿט צו ענגלאַנד האָט זיי אַרויסגעוויזען אין דער טראַנסוואַלער פֿראַגע און איצט אין דער הינעזישער מלחמה.

דער "דרייבונד", איז די לעצטע צייט אָבגעשוואַכט געוואָרען ניט נור אין דייטשלאַנד אַליין, אויך אין עסטרייך און איטאַליען ווערען אַלץ העכער די שטימען געגען דעם בונד מיט דייטשלאַנד.

פֿון דעם בונד האָט איטאַליען קיין טוֹבוֹת ניט, דער בונד האָט איהר אָבגעטהיילט פֿון פֿראַנקרייך, מיט וועלכער זי איז פֿיעל שטאַרקער פֿערבונדען ווי מיט דייטשלאַנד, דער בונד האָט אַרויפֿגעלעגט אויף איהר אַ שווערע מַשָּׂא דורך דעם גרויסען חַיִל, וואָס זי מוז אויסהאַלטען. און וואָס האָט זי דערפֿון? ניט קיין טובות און ניט קיין כָּבוֹד, ווייל וואָס פֿאַר אַ כבוד קען זי שוין האָבען, אַז זי מוז זיך תָּמִיד נאָכשלעפּען נאָך דעם וואָס דייטשלאַנד זאָגט, וואָס דייטשלאַנד וויל.

אין עסטרייך איז די בעוועגונג געגען דעם בונד פֿערבונדען מיט דער פֿערשטאַרקונג פֿון די ניט—דייטשע פֿעלקער. די סלאַווען און די אונגאַרען סטאַרען זיך מיט אַלע מיטלען צו ברעכען די דייטשע הערשאַפֿט אין לאַנד, און זיי ווערען דערום אַלץ שטאַרקערע געגנער פֿון דעם בונד מיט אַ דייטשער מְדִינָה. די טשעכען, קראָאַטען, סלאָוואַקען, סערבען, רוסינען סטאַרען זיך ביי יעדער געלעגענהייט אויסצוווייזען זייער פֿריינדשאַפֿט צו רוסלאַנד און אפילו די אונגאַרען הויבען אָן צו פֿערגעסען זייער אַמאָליגע שִׂנְאָה צו רוסלאַנד און טרעטען אַרויס אַלץ שאַרפֿער געגען דייטשלאַנד.

ביי אַזאַ לאַגע האָט דער "דרייבונד" פֿערלאָרען זיין ווערדע, און פֿאַר דעם גראַף ביולאָוו שטעהט אויף איצט די פֿראַגע — צו פֿערשטאַרקען דעם בונד מיט די אַלטע פֿריינד אָדער צו זוכען נייע פֿריינד.

די האַנדעלסקאָנטראַקטען, וואָס זענען צום לעצטען מאָל דערנייט געוואָרען אין יאָהר 1894, לאָזען זיך אויס אין 1904-טען יאהר. ווי עס איז בעקאַנט, האָט דער האַנדעלסקאָנטראַקט מיט רוסלאַנד אַרויסגערופֿען אַ שטאַרקע אונצופֿרידענהייט ביי די דייטשע פּאָמעשטשיקעס. זיי קלאָגען זיך אַז דער קאָנטראַקט ווירקט זעהר שעדליך אויף די דייטשע לאַנדווירטשאַפֿט, ווייל עס איז זיי אונמעגליך צו קאָנקורירען מיט דעם רוסישען ביליגען געטריידע; זיי פֿערלאַנגען דערום ווידער העכערען די אָבצאָהלונגען אויף געטריידע, ווי עס איז געוועזען אין ביסמאַרקס צייטען. דעם איצטיגען אָבצאָהל — 27 קאָפּיקעס פֿון פּוד געטריידע — האַלטען זיי פֿאַר צו קליין, ווייל אויך ביי אַזאַ אָבצאָהל קענען זיי זייערע פֿעלדער ניט בעאַרבייטען. די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי, וועלכע האָט אין זיך אַ גרויסען טהייל פּאָמעשטשיקעס, אַגיטירט שוין איצט בייצייטענס געגען דעם קאָנטראַקט מיט רוסלאַנד און האָפֿט צו געפֿינען אין דעם נייעם קאַנצלער אַ פֿריינד פֿון איהרע פּלאַנען. אָנצונעהמען אָבער דעם פֿאָרשלאַג פֿון די פּאָמעשטשיקעס איז פֿאַר די דייטשע רעגירונג פֿערבונדען מיט זעהר גרויסע שוועריגקייטען. ערשטענס, וואָלטען דורך דעם שטאַרק געשטיגען די מְקָחִים אויף ברויט — און דערום וואָלטען געגען די פֿאָר־

רערונג פֿון די קאָנסערוואַטיווען שטאַרק אַגיטירט די אַרבייטער און די ליבעראַלען; צווייטענס, וואָלט דאַן רוסלאַנד געהעכערט די אָבצאָהלונגען אויף דייטשע פֿאַבריקאַציאָנסזאַכען, און דאָס וואָלט זעהר געשאַדעט דעם דייטשען האַנדעל און פֿאַבריקאַציאָן, דען רוסלאַנד איז איצט דער גרעסטער מאַרק פֿאַר די דייטשע סחורות.

אין דער פֿראַגע מיט דעם האַנדעלסקאָנטראַקט וועט ביולאָוו דאַרפֿען אַרויסווייזען זיין גאַנצען טאַלענט. פֿון איין זייט דאַרף די רעגירונג פֿריהער פֿאַר אַלין שטיצען איהר פֿאַבריקאַציאָן, ווייל זי שפּילט אין דייטשען ווירטשאַפֿטליכען לעבען אַ גרעסערע ראָליע ווי די ערדאַרבייט, און פֿון דער אַנדער זייט קען די רעגירונג אויך ניט צורייסען מיט דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, וועלכע שטיצט איהר ביי אַלע אַנדערע פּאָליטישע פֿראַגען.

פֿיעל וויכטיגע פֿראַגען קען מען אויך איצט ערוואַרטען פֿון דעם פֿראַנצויזישען פּאַרלאַמענט, וואָס דאַרף זיך אין גיכען עפֿענען. אין פֿראַנקרייך איז איצט רוהע און פֿריעדען. די רעפּובליק איז נעזיכערט, דאָס צוטרויען צום מיניסטעריום איז געשטיגען, און איצט קען זיך וואַלדעק-רוסאָ פֿערנעהמען, ווי ער האָט געזאָגט אין אַ רעדע, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג געהאַלטען, מיט אינעווייניגסטע פֿראַגען, וועלכע דאַרפֿען פֿערבעסערן דאָס לעבען פֿון די אָרימע קלאַסען און שטאַרקען אויף תמיד די רעפּובליקאַנישע רעגירונג. צו דעם צוועק רעכענט דער מיניסטער צוצונעהמען די זכיות פֿון די שולען, וואָס ווערען אויפֿגעהאַלטען פֿון די גייסטליכע, וועלכע קוקען אויף די שולען ווי אויף אַ מיטעל צו ערציהען די יוגענד געגען די רעפּובליק און צו פֿיהרען דורך זיי אַ אייגענע פּאָליטיק.

אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק האָבען ערשט אין די לעצטע יאָהרען אויך אָנגעהויבען שפּילען אַ ראָליע די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון אַמעריקאַ. דערום וואַרט מען מיט אונגעדולד אויף די וואַהלען אויף אַ פּרעזידענטען, וואָס דאַרפֿען זיין היינטיגע וואָך. ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין, זענען נור דאָ צוויי וויכטיגע קאַנדידאַטען, וועלכע האָבען די האָפֿענונג אויסגעקליבען צו ווערען: דער איצטיגער פּרעזידענט מאַק-קינליי, וועלכער ווערט אונטערשטיצט פֿון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, און ה. בריין, דער פֿיהרער פֿון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. בעת דאָס אינטערעס צו טראַנסוואַל איז אין אַמעריקאַ מיט עטליכע חדשים געווען שטאַרק, האָט בריין געקראָגען פֿיעל נייע אַנהענגער וועגען זיין פֿריינדשאַפֿט צו די בוירען; איצט אָבער שפּילט שוין ניט מעהר די טראַנסוואַלער פֿראַגע ביי די וואַהלען אַ וועלכע ס'איז וויכטיגע ראָליע, און מאַק-קינליי'ס לאַגע איז איצט פֿעסט געזיכערט.

אין די וויבאָרעס נעהמען אַנטהייל אַלע 45 שטאַאַטען, פֿון וועלכע עס איז צוזאַמענגעזעצט די אַמעריקאַנישע רעפּובליק. יעדער שטאַאַט קלייבט אויס אַ געוויסע צאָהל דעלעגאַטען, נאָך דער צאָהל פֿון די דעפּוטאַטען אין סענאַטאָרען אין פּאַרלאַמענט, און זיי אַלע צוזאַמען קלויבען אויס אַ פּרעזידענטען. אין סענאַט זיצען פֿון יעדעם שטאַאַט 2 דעפּוטאַטען, אין פּאַרלאַמענט הייננט אָב די צאָהל פֿון די דעפּוטאַטען פֿון דער צאָהל איינוואָהנער אין פּאַרלאַמענט זענען דאַ אין גאַנצען 357 דעפּוטאַטען.

דער פּרעזידענט ווערט אויסגעקליבען אויף 4 יאָהר, אין דיענסט טרעט ער אַריין איבער 4 חדשים נאָך די וואַהלען. אין אַמעריקא ווערט שטאַרק אַגיטירט פֿון ביידע זייטען, עס ווערען אַרויסגעגעבען בראָשורען אין אַלע שפּראַכען, וועלכע ווערען נור גערעדט אין אַמעריקא, עס ווערען אָבגעהאַלטען גרויסע פֿערזאַמלונגען. די אַגיטאַציאָן וועט היי-יאָהר קאָסטען ביז 6 מיליאָן דאָלאַר. י. ל.

יודישע שטעדט און שטעדטליך.

טרויריגע האַרצרייסענדיגע סצענעס קומען פֿאָר פֿאַר אונז יעדען טאָג, איבערהויפּט אין די גרויסע יודישע שטעדט.

די טרויריגע סצענעס זענען יעדען בעקאַנט. אין די שענע גאַסען מיט די הויכע הייזער אויף די ברייטע טראָטואַרען לויפֿען אייך נאָך אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע האַלבנאַקעטע יודישע קינדער, עס איז כמעט אויף זיי ניט צו דערקענען דאָס געשטאַלט פֿון אַ מענשען-פֿון גאָטס פּאָרעם, אָהן ווערטער נאָר מיט עפּיס אַ מין שטיל טרויריג שעפּטשען שטרעקען זיי אויס צו אייך די דאַרע הענדטליך, איהר זאָלט עפּיס געבען. איהר, זעהט איהר הערט און בעמערקט דאָס אַלעס, נאָר איהר האָט קיין צייט ניט. איהר קוקט זיך ניט איהם און לויפֿט ווייטער, נאָר די אומגליקליכע נאַקעטע קינדער לויפֿען אייך נאָך, איהר שרייט אָן אויף די „פּוסטע פּאַסניקעס", נאָר זיי דערשרעקען זיך ניט פֿאַר אייער שרייען און לויפֿען אייך ווייטער נאָך, זיי טרעטען ניט אָב ביז איהר מוזט זיי געבען אַ מטבע און דאַן געהט איהר זיך רוהיג און צופֿריעדען ווייטער, איהר האָט אייערס געטהון, אייער געוויסען איז ריין — און אַזוי יעדען טאָג.

און אַזוי יעדען טאָג פֿערמעהרען זיך אויף די גאַסען פֿון דער גרעסטער יודישער שטאָדט וואַרשא די דאָזיגע אומגליקליכע קינדער.

אויסער די גאַסען-קינדער, שרייבט פֿון דאָרט ה' י. קאַטיק, געפֿינט זיך נאָך אַ סאָרט אומגליקליכע קינדער, וועלכע ניט אַלע זעהען זיי, ווייל זיי לויפֿען ניט אין די גאַסען און שטערען ניט אייער וועג, דאָס זענען די קינדער פֿון בכבוד'ע געפֿאַלענע עלטערן, וועלכע שעמען זיך מיט זייער אָרימקייט און האַלטען די קינדער אין זייערע ענגע פֿינסטערע וואָהנונגען. די אָרימקייט און נויט זענען אַזוי גרויס, אַז די עלטערן קענען נאָר ניט טראַכטען וועגען עפּיס לערנען די קינדער, און זייערע קינדער וואַקסען אין איין שטאַנד מיט די גאַסען-קינדער.

אַזוינע קינדער, וועלכע האָבען ניט וואָס צו טהון, פֿאַלען אָפֿט אַריין אין שלעכטע הענד און לערנען זיך אָן אַזוינע זאַכען וואָס טהוען אָן שאַנד כל ישראל. מיר יודען, וואָס אַלע פֿעלקער מאַכען אונז פֿאַר ערבים איין יוד פֿאַר דעם אַנדערען, ווי קענען מיר דערלאָזען אַז יודיש'ע קינדער זאָלען אַזוי הפקר וואַקסען אָהן אַ שום לימוד? אין וואַרשא איז די גרעסטע יודישע געמיינדע, אין צאָהל מענשען, אין רייכטהום און אין צדקה, פֿאַר וואָס זשע זאָל מען אין אַזאַ שטאָדט ניט איינפֿיהרען אַזאַ חברה, וואָס זאָל זאָרגען פֿאַר אַזוינע אומגליקליכע קינדער, אַז זיי זאָלען ניט וואַקסען ווילד און צו שאַנד פֿאַר כל ישראל און זיי לערנען פֿערשיעדענע מלאכות, אַז זיי זאָלען אויסוואַקסען מענשען פֿאַר גאָט און לייט.

ה' קאַטיק האָט אונז אַריינגעשיקט אויסגעאַרבייטע תקנות פֿון דער נייער חברה, וואָס מען וויל גרינדען אין וואַרשא מיט דער ערלויבניס פֿון דער רעגירונג. מיר בריינגען דאָ אין קורצען דעם אינהאַלט פֿון איינינע תקנות: די חברה דאַרף הייסען "אָבי יתומים". יעדער מיטגליעד דאַרף צאָהלען מאָנאַטליך ניט וועניגער פֿון 25 קאָפּ. יעדער מיטגליעד איז מחויב, ווען ער זעהט אַז אַ יונגיל יונגער פֿון 17 יאָהר בעט אַ נדבה איהם צו פֿערהאַלטען און אַוועקפֿיהרען איהם אין אבי-יתומים-הויז. דאָרט דאַרף מען איהם אויספֿרעגען, ווער זיינע עלטערן זענען, אויספֿאָרשען די סיבה וואָס האָט געבראַכט דערצו אַז דאָס יונגיל זאָל בעטען נדבות. די חברה דאַרף זיך סטאַרען אַז עס זאָלען מיטהעלפֿען די עלטערן, אויב עס איז נור מעגליך, אָדער רייכע קרובים, אויב עס זענען נור פֿאַראַן, מען זאָל דאָס קינד קענען אויסהאַלטען און עפּיס אויסלערנען. די יונגליך דאַרפֿען געפּריווט ווערען דורך ספּעציאַליסטען, וועלכע דאַרפֿען בעשליסען וואָס פֿאַר אַ מלאכה זיי צו לערנען.

די חברה דאַרף אָבגעבען די יונגליך צו בעלי-מלאכות, מאַכען מיט זיי קאָנטראַקטען אויף איינינע יאָהר, ביז זיי זאָלען זיך אויסלערנען די אַרבייט. די בעלי-מלאכות האָבען קיין רעכט ניט געבען זייערע לערניונגליך אַנדערע אַרבייט, וואָס געהערט ניט צו דער לעהרע. אַרבייטען זאָלען די יונגליך ניט מעהר ווי 12 שעה אין טאָג און אין דעם איז גערעכענט $^1/_2$ שעה פֿרישטאַג און 1 שעה מיטאַג, ערב שבת ויום-טוב נור 6 שעה אַרבייט. וואָהנונג און טיש דאַרפֿען זיי האָבען דאָרט וואו זיי אַרבייטען. די קינדער פֿון „אבי יתומים" דאַרפֿען טראָגען קליידער אַלע איין פֿאָרמע. ווען די עלטערן זענען אין שטאַנד צו געבען זייער קינד עסען און אַ וואָהנונג, דאַרף דער קאָמיטעט פֿון דער חברה זיך סטאַרען איהם אָבגעבען אין שטעדטישע טעכנישע שולען, צאָהלען

פֿאַר דעם לערנען און קליידען די גאַנצע צייט ביז זיי ענדיגען די שולע. די יונגליך, וואָס הויבען אָן פֿון זייער אַרבייט צו פֿערדינען מעהר פֿון 3 רובל אַ וואָך, דאַרפֿען ווערען מיטגליעדער פֿון „אבי יתומים". צוויי מאָל אין דער וואָך וועט מען די יונגליך לערנען שרייבען און לעזען. שבת וועט מען מיט זיי לערנען תנ"ך און הלכות דרך־ארץ. מיט דער צייט, ווען די מיטעל פֿון דער חברה וועלען גרעסער ווערען, וועט „אבי־יתומים" מיט דער ערלויבנים פֿון דער רעגירונג עפֿענען אַליין אַ האַנדווערקער שולע פֿאַר זיינע קינדער. יעדער מיטגליעד דאַרף שטעלען אַ פּושקע פֿון די „אבי יתומים" אין זיין געשעפֿט אָדער אָנקלאַפּען די פּושקע אָן וואַנד פֿון זיין וואָהנונג, יעדער מיטגליעד איז פֿערפֿליכטעט צו זאַמלען געלד אויף אַלע שמחות, וואו ער געפֿינט זיך. פֿאַר די יונגליך פֿון „אבי יתומים" זאל געגרינדעט ווערען אַ שול, וואו זיי זאָלען דאַווענען אַלע שבת ויום־טוב, און אויך זאל מען האַלטען אַ מגיד, וואָס זאָל פֿאַר די קינדער האַלטען פּאַסענדע רעדעס, אַז זיי זאָלען זיין אָרענטליכע מענשען א. ד. ג.

אויס דעם קורצען אינהאַלט פֿון דער אַרבייט, וואס די נייע חברה נעמט זיך פֿאַר, קען מען זעהן וואס פֿאַר וויכטיגע זאַכען זי קען אויפֿטהון, פֿון פּוסטע פּאַסניקעס, לעדיגגעהער, בעטלער און פֿערברעכער מאַכען עהרליכע און ניצליכע מענשען. דאָס איז קיין קלייניגקייט. „מענשען מאַכען", דאָס איז דאס וויכטיגסטע אַרבייט אין אונזער לעבען, אונזער הייליגסטע פֿליכט, און עס וויל זיך גלויבען אז די נייע חברה וועט ניט בלייבען נור אַ פּראָיעקט און אַ שענע פֿאַנטאזיע, נאר עס וועלען זיך אין וואַרשא פֿיעל אויף דעם צוועק אָנרופֿען, אַז די חברה „אבי יתומים" זאל אין שטאַנד זיין אין גיכסטען אָנהויבען צו אַרבייטען. עס איז צו האָפֿען אז די רעגירונג וועט געוויס אַזא חברה ערלויבען.

אין וואַרשא איז דערווייל די נייע חברה אין אונזער פֿאַנטאזיע, און אין אָדעס, וואו עס צעהלט זיך אַ העלפֿט יודען ווי אין וואַרשא, געפֿינט זיך שוין זייט עטליכע יאָהר אַזא חברה פֿאַר אָרימע גאַסענקינדער, און שטעלט אייך פֿאָר אז די גרינדער פֿון דער חברה זענען געוועזען עטליכע יודישע פֿרויליין.

אָט וואָס ה' נ. פּרוזשאנסקי דערצעהלט אין „וואסחאד" וועגען די יודישע פֿרויליין: מען מוז בעמערקען, אז אין אָדעס געפֿינען זיך אייניגע פֿרויליין פֿון רייכע עלטערן, וואָס קומען זיי אַמאָל אין קאָפּ אַריין ניט נור קיין פּוסטע פאנטאזיעס מיט מאָדעס, נאר אויך אַמאָל ערענסטע געדאַנקען. איין מאָל איז זיי אויפֿגעקומען אַ געדאנק, אַז עס וואָלט זעהר גוט געוועזען צו מאַכען אַ פּריוט פֿאַר די אָרימע קינדער, זיי לערנען אַ מלאכה און מאַכען פֿאַר מענשען. די גוטע ווערטער האָבען גערעדט צווישען זיך חבר'תעס שפּאַצירענדיג אויף דעם שענעם אָדעסער בולוואר.

— גוט, לאָם מיר אָנהויבען צו טהון, ניט נור רעדען, האָבען די פֿרויליין געזאָגט אַלע אין איין קול.

און זיי האָבען זיך צולאָזט איבער אָדעסער גאַסען און אָרימע הייזער אויפֿזוכען די אומגליקליכע קינדער.

ווען זיי האָבען צוזאַמענגעקליבען עטליכע צעהנדלינג קינדער, האָבען זיי בעדאַרפֿט האָבען אַ הויז פֿאַר זיי, נאר וואו נעמט מען דערויף געלד? ניט לאַנג געטראַכט, האָבען זיי אָנגעהויבען זוכען אין זייערע קעשענעס און מען האט צונויפֿגעלעגט אַביסיל געלד. וואס טהוט מען אָבער אז עס איז ווינציג־געלד? נאר דאָס האט זיי אויך ניט אויפֿגעהאַלטען, דערויף האָבען זיי אַ סך חבר'תעס און דריי טעג זענען זיי אַרומגעגאַנגען צו זייערע חבר'תעס, ביז מען האָט צוזאַמענגעקליבען געלד און מען האט באַלד געדונגען אַ וואָהנונג פֿאַר די קינדער.

וואָס טהוט מען איצט מיט די אומגליקליכע קינדער? זיי האָבען אויף זיך קיין מענשען־געשטאַלט, קויטיג, שמוטציג. די יודישע פֿרויליין האָבען אויסגעטהון זייערע הענדטשקעליך, זיך אָנגעטהון אין פֿאַרטיכער און מיט זייערע ווייסע הענדטליך גענומען שערליך, קעמליך און זייף און זיי אַרומגעשוירען, אויסגעצוואָגען און אַרומגעוואַשען, דערנאָך האט מען זיי אָנגעהויבען לערנען. און די גאַסען־קינדער זעהען אז אין פּריוט איז זיי ניט קאַלט, ניט נאַס און ניט בלאָטיג, מען שילט זיי ניט, מען שלאָגט ניט, נאר מען גיט זיי עסען און גוטע שענע פֿרויליין רעדען מיט זיי פֿריינדליך און לערנען זיי גוטע זאַכען, האָבען זיי וועגען דעם אַלעמען דערצעהלט אין אַלע אָדעסער פֿערגעסענע נאַסע קעלערען, און באַלד זענען אין פּריוט געקומען פֿון אַלע עקען אַזוי פֿיעל קינדער, אַז די פּרויליין האָבען שוין ניט געהאַט קיין פּלאַץ פֿאַר יעדען. אַזא גוטען שם האט דער פּריוט צווישען די אָרימע לייט בעקומען. איצט געפֿינט זיך אין פּריוט מעהר ווי 100 קינדער (יונגליך און מיידליך), 60 פֿון זיי געפֿינען זיך טאַקע אין פּריוט און די איבריגע זענען צוטהיילט צווישען פֿערשיעדענע בעלי־מלאכות און פֿאַבריקען.

ה' פּרוזשאנסקי האָט אין ווארשטאט, וואס געפֿינט זיך אין פּריוט, געזעהן ווי אייניגע מוטערס פֿון די פּריוואַט קינדער נעהען דאָרט פֿערשיעדענע זאַכען, פֿאַר זייער אַרבייט בעצאָהלט מען זיי דאָרט פֿון 30 ביז 50 קאָפּ. אַ טאָג.

איין גוטע זאַך ברענגט די צווייטע גוטע זאַך, אויסער די קינדער האָבען זייערע מיטערס אויך אָפּט נוטצען פֿון דעם פּריוט.

אָט וואָס עס איז אַרויסגעקומען פֿון אַ גוטען געדאַנק, וואס אייניגע יודישע פֿרויליין איז אויפֿגעקומען, ווען זיי האָבען געשפּאַציערט אויף דעם אָדעסער בולוואר.

אפשר וועט די וואַרשאָווער יודישע פֿרויליין פֿון רייכע עלטערן אויך אויפֿקומען אַזא געדאַנק ווען זיי שפּאַציערען אין אויאזדאווסקע אַלעעס אָדער אין די לאזענקעס.— אמת.

די יודישע וועלט.

עסטרייך. *** דער 2-טער משפט פֿון פּאָלנאַ. שוין כמעט 2 וואָכען דויערט דער 2-טער פּראָצעס פֿון הילזנער, אַ גרויסע צאָהל עדות זענען פֿערהערט געוואָרען, סיי נייע סיי אַלטע וועלכע זענען שוין בעקאַנט פֿון ערשטען פּראָצעס און די שרעקליכע 2 רציחות פֿון די ביידע מיידליך זענען נאָך נישט אים גרינגסטען אויפֿגעקלערט. די עדות וועלכע זענען פֿערהערט געוואָרען האַלטען זיך ביי זייערען, אַז נאָך זייער מיינונג נאָך איז הילזנער געזעהען געוואָרען אין דעם וואַלד בשעת דער 2-טער מאָרד איז געשעהען און אַז הילזנער איז אויך מיט דעם ערשטען מיידיל וועלכע איז געהרג'עט געוואָרען געגאַנגען צו איין אונטערהאַלטונג און האָט מיט איהר געטאַנצט. מאַנכער פֿון די עדות איז זיך אפילו אַליין מכחיש און בעהויפּטעט איצט גאַנץ אַנדערע זאַכען אַלס ביים ערשטען פּראָצעס, נאָר זיי זאָגען אַז שולדיג איז אין דעם דער אונטערזוכונגסריכטער וועלכער האָט נישט ריכטיג אויפֿגעצייכענט דעם ערשטען פּראָטאָקאָל. אויס אַלעמען אָבער וואָס די עדות זאָגען, זעהט מען אַרויס ווער און וואָס הילזנער איז, אַז ער איז אַ ליידיגגעהער, אַ פּוסטעפּאַסניק וועלכער האָט נישט געוואָלט אַרבייטען און זיך אַרומגעבלאָנזעט גאַנצע טעג אין די אַרומיגע שטעדטליך און אין וואַלד. אויב ער איז שולדיג אָדער נישט קען מען נאָך איצט נישט קלאָר וויסען. אַלע עדות בעהויפּטען אַז ער איז געזעהען געוואָרען פֿאַר נאַכט ביים ברעג פֿון וואַלד, איינער זאָגט גאָר אַז ער האָט איהם דערקענט פֿון דער ווייטען אין אַ שטרעקע פֿון 890 מעטער, נאָך זונען-אונטערגאַנג, אַז ער האָט דערקענט אפילו די קליידער און דעם קאַפּעלוש וועלכע ער האָט געטראָגען. דערזעלבער עדות דערצעהלט אויך אַז ער האָט בעקומען אַ בריעף פֿון וויען אין וועלכען מען בעט איהם ער זאָל נישט אויסזאָגען קיין שלעכטס אויף הילזנער און מען זאָגט איהם צו ציגעבען בעלאָהנונג דערפֿאַר. דאָס אָריגינאַל פֿון דעם בריעף האָט ער איבערגעבען דעם רעדאַקטער פֿון אַנטיסעמיטישען „דייטשען פֿאָלקסבלאַט". אויף דעם דאָזיגען בריעף האָט דער פֿערטיידיגער ד"ר אוירעדניטשעק אויפֿמערקזאַם געמאַכט דעם אַנטיסעמיטישען ד"ר באַקסאַ אַז ער וויל דערמיט נור אַריינבריינגען זיין אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק אין דעם פּראָצעס אַריין.

דער אַנטיסעמיטישער ד"ר באַקסאַ סטאַרעט זיך טאַקע מיט אַלע כוחות דעם מאָרד צו בעטראַכטען פֿאַר איין ריטואַל-מאָרד. פּלוצים איז איהם איינגעפֿאַלען אַז אויף די קליידער פֿון דער געהרג'טער הרוזאַ זענען איצט פֿאַראַן מעהר בלוט-פֿלעקען אלס ביים ערשטען פּראָצעס, ד. ה. ער איז חושד, אַז מען האָט מיט אבזיכט צוגעגעבען בלוט צו די קליידער כדי מען זאָל נישט קענען מעהר שטעלען די שאלה: „וואו איז אַהינגעקומען דאָס בלוט?" ס׳איז דעריבער אַ גאַנצער טאָג צוגעבראַכט געוואָרען מיט דעם אויסהערען די פּראָפֿעסאָרען פֿון פּראַגער טשעכישען אוניווערזיטעט וועלכע האָבען די קליידער אונטערזוכט און זיי האָבען אַלע פֿערזיכערט, אַז די קליידער זענען נישט געוועזען ביי אַ פֿרעמדען אין דער האַנד, דאָס די בלוט-פֿלעקען זענען דיזעלבע וואָס פֿריהער. אינטערעסאַנט איז אויך די אויסזאַגע פֿון 2 עדות, אַ מוטער מיט אַ טאָכטער, וועלכע בעהויפּטען אַז זיי האָבען געהערט אין זייער וואָהנונג אין ערשטען שטאָק, ווי אונטען אין אַ חדר זענען 3 יודען געוועזען צוזאַמען און האָבען זיך

געקריגט דאַריבער וואָס איינער האָט געזאָגט אַז הילזנער איז, בשעת דער מאָרד איז געשעהען, נישט געווען אין שול. ביי דער „דיסקרעטנער" אסיפה איז גערעדט געוואָרען אזוי הויך אַז זיי האָבען די ווערטער זעהר גוט געהערט און די יודען פֿון דער „דיסקרעטנער" אסיפה האָבען יעדעס מאָל העכער געשריען נאָכדעם ווי זיי, די מוטער מיט דער טאָכטער, האָבען זיך געבייזערט און געהייסען ניט אזוי שרייען!

שבת האָט זיך אָנגעהויבען דער פֿערהער פֿון עדות וועגען דעם געפֿונענעם ערשטען מיידיל, קלימאַ. אין דער ערשטער פֿערהאנדלונג זענען אויפֿגעטרעטען צווייפֿעל דעריבער, צי איז די דערהרג׳עטע גאָר געוועזען די קלימאַ, ווייל אפילו איהרע עלטערן האָבען אין דער טוידטער נישט געקאָנט דערקענען זייער טאָכטער, ווי ווייט דער ערשטער מאָרד שטעהט אלזאָ אין אַ שייכות צו הילזנער וועט זיך ערשט ארויסווייזען אין פערלויף פֿון פראָצעס, וועלכער וועט געדויערן ביז צום 15-טען נאָוועמבער.

= דער פֿאטער פֿון רחמה ווייס פֿון וויעליצשקא, וועלכע איז אַנטלאָפֿען פֿון די עלטערן אין אַ קלויסטער האָט בעקומען אַ ידיעה פֿון געריכט אַז די ביטע פֿון מיידיל אַז מען זאָל זי ארויסנעהמען פֿון פֿאָטער׳ס רשות קען נישט ווערען ערפֿילט, דער בעשלוס פֿון געריכט זאָגט אויך אָב דעם פֿאָטערס ביטע צוריק צו שטעלען איהם זיין טאכטער אין הויז.

*

רוסלאַנד. = די חברה צו בויען ביליגע וואהנונגען פֿאר יודען. ה׳ פֿיינבערג איינער פֿון די טהיילנעהמער פֿון דער נייגעגרינדעטער אַקציענגעזעלשאַפֿט צו בויען ביליגע וואהנונגען פֿאַר יודען האָט ערקלערט דעם מיטארבייטער פֿון דער צייטונג „פעטערב׳ גאזעטא", אַז די רעגיערונג אליין האָט געגעבען דעם געדאַנק צו גרינדען די געזעלשאַפֿט. די רעגיערונג האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דעם שלעכטען צושטאנד פֿון די יודישע וואהנונגען. אין ווילנא, למשל, איז דאָ הייזער, וואו עס וואהנען בערך 20 פֿאַמיליעס אין איין קעלער. די געזעלשאַפֿט מיינט על פי רוב צו בויען ביליגע וואהנונגען אין די שטעדט פֿון דער „טשערטא"; יעדער אַקציאנער פֿון דער חברה, בעצאהלענדיג 200 רובעל פאר איין אַקציע, קען רעכנען אויף אַ דיווידענד ביז 4 פראָצענט. אויב עס וועט זיין מעהר פֿערדיענסט וועט ער געהען אויף צדקה-זאכען. די אַקציעס זענען שוין אַלע פֿערקויפֿט און פֿאַר דעם געלד זענען אויסגעבויט געוואָרען 2 גרויסע 5-שטאָקיגע הייזער מיט 216 דירות. עס איז דאָ וואהנונגען, פֿאַר וועלכע מען צאהלט 3,50 ר׳ ביז 4 רוב׳ מאָנאַטליך; דער גרעסטער פרייז איז 6 רוב׳ מאָנאַטליך, פֿאַר דער באָד צאהלט מען לעת-עתה 1 קאפּ׳ פֿאַר אַ מענש און שפעטער וועט מען גאָר נישט צאהלען. ווי באַלד עס וועט נור זיין מיטלען וועט מען בויען הייזער אויך אין אַנדערע שטעדט. די חברה האָט דאָס רעכט איינצוריכטען ווארשטאטען פֿון פֿערשיעדענע מלאכות וואו אָרימע לייט וועלען קענען בעקומען אַרבייט. זי האָט אויך דאָס רעכט צו קויפֿען אין געוויסע שטעדט און שטעדטליך שטיקליך ערד, און אוועקגעבען אין פאכט צום בעאַרבייטען.

די דאָזיגע חברה האָט בעקומען פֿערשיעדענע אַנטרעגע צו בויען הייזער מיט ביליגע וואהנונגען און ווארשטאטען אין בערדיצעוו און פינסק. אין פינסק וויל דער פֿאַבריקאנט ה׳ ג. געבען פֿון זיך בערך 20.000 ר׳ אויף בויען הייזער פאר אַרבייטער.

= האַנדעלסשולען. ווי עס איז מודיע דער Kraj וועט קירצליך געעפֿענט ווערען אין ווילנא אַ האַנדעלסשולע. די פֿאָרשטעהער פֿון די סוחרים (יודען 88 פראָצענט), האָבען אָנגענומען דעם פֿאַרשלאַג פֿון מיניסטעריום אַז אין דער שולע זאָלען ווערען אָנגענומען 50 פראָצענט פראַוואָסלאַוונע און די איבעריגע 50 פראָצענט זאָל בעשטעהען פֿון קאַטאָליקען, עוואַנגעלען און יודען.

— עס זענען בעשטעטיגט געוואָרען פריוואַט האַנדעלסשולען אין ווארשא פֿון באהוש, אין פאלטאווע פֿון ה׳ בייער און אין וולאצלאוועק וועלכע איז געגרינדעט פֿון די דאָרטיגע סוחרים.

= די צייטונג „סין אטעצעסטווא", וועלכע האָט אויפֿגעהערט צו ערשיינען וועגען דעם באנקראט פֿון די הערויסגעבער, האָט אצונד אָבגעקויפֿט ה׳ ראפאפארט פֿאר 5,530 רובעל.

= ווי עס זענען מודיע די „אדעס׳ נאָוואָסטי" האָט די אדעסער אוניווערזיטעט בעקומען אַ דעפעשע פֿון מיניסטער פֿון פֿאָלקסבילדונג אַז מען זאָל ארייננעהמען אין אוניווערזיטעט נאָך 14 יודען אויסער די 10 פראָצענט.

—די יודישע סוחרים אין קישיניעוו האַבען זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צום דירעקטאר פֿון דער האַנדעלסשולע אַז מען זאָל בעפֿרייען יודישע שילער פֿון שרייבען אים שבת, ווייל דער רוב שילער זענען יודען. די ביטע האָט דער דירעקטאָר איבערגעשיקט צום מיניסטעריום.

= דער משפט וועגען די אונרוהען, וועלכע זענען געווען דעם 16 און 17 יולי אין אדעס וועט זיין אין דער אדעסער סודעבנער פאלאטע אַנפֿאַנג יאנואר 1901. בעשולדיגט זענען בערך 40 פערזאָן, די רעדעלפֿיהרערס. דער פֿאָרזיצענדער וועט זיין ב. וויטטע. מען וועט רופֿען אַ סך עדות, צווישען זיי אויך פאליציאנטען, וועלכע האָבען בעקומען קלעפ פֿון די באָסיאַקעס.

= סענאַטס ערקלערונגען. דער סענאַט האָט ערקלערט, אַז די פֿאַמיליע פֿון אַ סוחר 1טער גילדע, וועלכער איז צוגעשריעבען אויסער דער „טשערטא", האָט דאָס רעכט צו וואָהנען און צו האַנדעלן אין גאנץ רוסלאנד, אויב די קינדער האָבען אַ פֿאָלמאַכט פֿון זייער פֿאטער. (וואסחאד נר. 79).

*

רומעניען. — אַ פּעטיציע פֿון די רומענישע יודען. ווי עס איז מודיע דאָס „בערלי׳ טאַגעבלאַט" האָבען די רומענישע יודען איבערגעגעבען דעם פּאַרלאַמענט די דאָזיגע פּעטיציע (ביטע): „מיר, יודען, האָבען נישט קיין פּאָליטישע און בירגערליכע רעכטע. מיר האָבען נישט קיין רעכט צו קויפֿען ערד און אפילו הייזער צום וואהנען, אַלע פֿרייע בעשעפֿטיגונגען זענען פֿאַר אונז פֿערמאַכט. יודען וועלכע האָבען געדיענט טריי אין מיליטער האָבען נישט קיין שום האָפֿנונג צו קומען העכער. אונזערע שונאים איז דאָס אלעס נאָך צו ווייניג; זיי ווילען אונז עוקר מן השרש זיין, עס זאָל פֿון אונז קיין זכר נישט בלייבען. דאָס איז געגען דער קאָנסטיטוציאָן..". די יודען ווייזען ווייטער אָן אויף די פֿאַלשקייט, דאָס מען רופֿט זיי „אויסלענדער", חאָטש זיי וואהנען אין רומעניען זייט 500 יאָהר, און ערפֿילען טריי אַלע געזעצען פֿון לאַנד.

ווי עס ווייזט אויס וועט די פּעטיציע גאָרנישט פועל זיין. דער נייער מיניסטער-פּרעזירענט קארפּ, פֿון וועלכען מען ווארט די ישועה, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז מיט דער יודישער פֿראַגע איז זיך ניטאָ וואָס צו פֿערנעהמען און די ממשלה וועט זיך בעמיהען צו העלפֿען די „אויסלענדער".

*

פֿראַנקרייך. — אויף דעם סטודענטען-קאָנגרעס. אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס פֿון סטודענטען, וועלכער איז געווען אין פאריז, איז ארויסגעטרעטען אַ סטודענט אַ רומענער מיט אַ רעדע צו שיצען די רעכטע פֿון זיינע ברידער, וועלכע ווערען געדריקט פֿון די אונגארען. דער רעדנער האָט גערעדט מיט גרויס התפעלות און אָנגערופֿען דעם נאָמען פֿון אמת און גערעכטיגקייט וועלכע ווערען אין אונגארען געטרעטען מיט די פֿיס. ער האָט אויפֿגעפֿאָרדערט דעם סטודענטען-קאָנגרעס, וועלכער איז זיך צונויפֿגעקומען כדי צו קעמפֿפֿען מיט רשעות און ווילדקייט, אויסצודריקען זיין פּראָטעסט געגען דער אונגארישער ממשלה.

נאָך דער שענער רעד האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ סטודענט אַ יוד דאַרדויער און געזאָגט: חברים! די מענשען, וועלכע האָבען אצונד פֿערלאַנגט אייער מיטגעפֿיהל פֿאר זייערע געדריקטע ברידער אין אונגארן, וואָלטען זייער גלייך טהון, ווען זיי וואָלטען אָבגעהיט די שענע יסודות פֿון גערעכטיגקייט און פֿרייהייט געגען זייערע אייגענע מיטבירגער. די רומענער אין אונגארן האָבען דאָך אַלע פּאָליטישע און בירגערליכע רעכטע, בעת אין דעם לאַנד פֿון דעם פֿרייהייטליעבענדעם רעדנער רודפֿ׳ט מען יודען ווי אַמאָל אין מיטעלאלטער. אַם ערגסטענס איז, דאָס דיזעלבע הערען, וועלכע פּראָטעסטירען דאָ אין נאָמען פֿון מענשליכקייט און ברידערליכקייט, העצען אַם מעהרסטען דאָס פֿאָלק געגען יודען; חברים! אונזער פֿעראיין האָט דעם צוועק צו מאכען שלום און אחדות צווישען פֿעלקער, לויט איין פונקט פֿון אונזערע תקנות דאַרפֿען ווערען אויסגעשלאָסען די מיטגליעדער, וועלכע טהוען דעם היפוך פֿון אונזער ציעל. אין קראַפֿט פֿון דעם פאראגראף פֿערלאנג איך אַז מען זאָל אויסשליעסען פֿון פֿעראיין אַלע רומענישע סטודענטען, וועלכע נעהמען אנטהייל אין די העצערייען געגען יודען".

מען קען זיך פֿאָרשטעלען וואָס פֿאַר אַ רושם די רייד האָבען געמאַכט אויף די רומענער; זיי זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער, געקריצט מיט די צעהנער און געשריען: זשיד! דרייפֿוס! זיי זענען אָבער דאָך געבליבען פֿערשעמט פֿאַר אַלע סטודענטען!

*

ענגלאַנד. = „דער וועלט" איז מען מודיע פֿון לאנדאן, אַז ביז אַצונד האָט מען אַרויסגעגעבען 1735 ביכליך אויף קויפֿען אַקציעס אויף אויסצאָהלען און אַז עס זענען געגרינדעט צו דעם צוועק 31 חברות. יעדען טאָג קומען אָן נייע פֿאָדערונגען אויף ביכליך פֿון דער פּראָווינץ, פֿון אייראפא, אמעריקא און ארץ ישראל.

= דער אַקציאָנס קאָמיטעט איז מודיע, דאָס גלייך ווי די באַנק וועט נור געעפֿענט ווערען, וועט זיין איהר ערשטע זאָרג צו שאַפֿען אַרבייט פֿאַר די יודישע אַרבייטער, און צו דעם צוועק רעכענט זי צו עפֿענען אין ארץ ישראל אייניגע פֿאַבריקען.

= געגען עמיגראַציאָן. די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט גובר געווען אויף די וואהלען אין ענגלאנד. דערום רעכענט מען, וועט דער פּאַרלאַמענט אָננעהמען דאָס געזעץ געגען די פֿרעמדע עמיגראַציאָן. דאָס געזעץ איז נוגע די רומענישע און רוסישע יודען וועלכע זענען שטענדיג די אָרימסטע צווישען די עמיגראַנטען. עס איז מערקווירדיג דאָס איינער פֿון די קאָנסערוואַטיווע דעפּוטאַטען האָט געזאָגט, אַז די פֿאָרשטעהער פֿון דער לאָנדאָנער יודישער קהלה האָבען איהם אויסגעדריקט זייער מיטגעפֿיהל וועגען זיין אַרבייטען צו בעגרענצען די עמינראַציאָן.

*

ארץ ישראל. = אין „דער וועלט" איז געדרוקט אַ בריעף פֿון אַ פֿאַכמאַן, אין וועלכען ער לעגט פֿאַר, אַז כדי די יודישע קאָלאָניאַל באַנק

זאָל קענען תיכף צוטרעטען צו עפענען אין ארץ ישראל פערשיעדענע פאבריקען, איז נייטהיג, דאָס מען זאָל פריהער גרינדען אַ געזעלשאַפט פון פאכלייט ציונים־טען: חעמיקער, אינזשענערען, אגראנאמען א. ז. וו., וועלכע זאָלען שיקען פון זיך איין עקספעדיציאן קיין ארץ־ישראל, כדי דורכצופאָרשען דאָס לאַנד. ווי עס איז בעקאנט, איז דאַ אין ארץ־ישראל פיעל קאַלך, אייזען און קופער, ציטראָנען, בלומען, אליווענעל, וועלכע קענען ווערען אויסגעארבעט אין ספעציעלע פאַבריקען און געבען אַרבייט טויזענדער מענשען, נאָר עס פעהלען גענויע ידיעות וועגען די ערטער, וואו זיי געפינען זיך אם מעהרסטען און אויף וואָס פאַר איין אופן זיי קענען ווערען פאַבריצירט און פערווענדעט. דער שרייבער פון בריעף איז מודיע, אַז צו זיין פּלאַן איז שוין צוגעשטאַנען אַ גרויסע צאָהל פון טיכטיגע פאַכלייט — געטרייע ציוניסטען וועלכע ווילען אריינלעגען אין דעם זייערע קענטניסע, עס פעהלען נור קאפיטאליסטען וועלכע זאָלען ביישטעהען דעם עסק מיט זייער געלד.

— **פאַבריקאַציאָן אין ארץ ישראל.** ה׳ ב. ג. אין „וואסחאד“ ברענגט אייניגע זאַכען פון דער „חעמיקער צייטונג“ וועגען דעם היינטיגען צושטאַנד און דער צוקונפט פון דער פאַבריקאציאָן אין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל, וועלכע איז אַמאָל געווען איין ארץ זבת חלב ודבש איז היינט פערוויסט געוואָרען דורך די שלעכטע ווירטשאַפט פון דער טערקישער ממשלה. אין ארץ ישראל איז נישטאָ קיין סימן פון פאַבריקאַציאָן, אויסער דעם אויסאַרבייטען פון קליינע זאַכען פאַר די הויזווירטשאַפט פון שטיין און האָלץ. אין דער ערד אָבער ליגען בעהאַלטען אַ סך אוצרות, און עס איז צו האָפען אַז ארץ ישראל זאָל אמאָל פערמאָגען פערשיעדענע פאבריקען. דערצו איז אָבער נייטהיג צו בויען נייע באהנען און בכלל צו פערבעסערען די וועגען אין ארץ־ישראל.

אין דעם טוידטען ים (ים המלח), וועלכער האָט נישט קיין שום לעבעדיגע בעשעפעניש, זענען דערפאַר דאָ פערשיעדענע מינעראַלען, וואָס האָבען אַ גרויסען ווערט אין דער פאבריקאציאָן. אַ פראנצויזישע געזעלשאַפט פערנעהמט זיך אצונד מיט דער שאלה אויף וואָס פאַר איין אופן צו בעאַרבייטען די אוצרות, וועלכע געפינען זיך אין דעם ים המלח, אין טהאל פון ירדן און אין דער גאַנצער געגענד נעבען טוידטען ים געפינט זיך אַספאַלט און אַנדערע מינעראַלען, וועלכע קענען ווערען בענוצט צו בעהייצונג. עס איז דאָ פערשיעדענע סימנים אז אויף די ערטער געפינען זיך אויך קוואלען פון נאַפט.

עס איז יעדענפאַלס קלאָר אַז אַלע אייראָפּעאישע פעלקער און בעזאָנדערס דייטשלאַנד אינטערעסירען זיך שטאַרק מיט ארץ ישראל אין זוכען מיטלען ווי אריינצושטעקען אַהין אַ פוס. ה׳ ב. ג. בעמערקט. מיט רעכט אז עס איז צייט אַז אויך אונזערע ציוניסטישע פאכלייט און אונטערנעהמער זאָלען דורכפאָרשען ארץ ישראל און זעהען וואָס זיי האָבען דאָרט צו טהון, **כל זמן עס איז נאָך צייט.**

אלגעמיינע וועלט נייעס.

רוסלאַנד. = לויט דעם חשבון, וואָס די ווארשויער טאמאזשנע האָט געמאכט, האָט זיך אין די לעצטע 3 חדשים פערקלענערט דאָס אריינפיהרען פון אויסלענדישע סחורות מיט 40 פראָצענט געגען דיזעלבע חדשים פון פאָריגען יאָהר.

— ווי מיר האָבען לאַנג מודיע געווען, האָט די ממשלה געוואָלט מאַכען איין בעזונדערען אָבצאָהל פון רייזע בילעטען, וועלכער זאָל געהען לטובת פון „רויטען קרייץ“. יעצט שרייבען די פעטערבורגער צייטונגען, אַז די ממשלה האָט בעשלאָסען נישט איינצופיהרען דעם דאָזיגען אבצאהל.

— היינטיגס יאָהר איז געווען א שלעכט גערעטעניש אויף בורעקעס און דערום ווילען די צוקער פאַבריקאנטען מוזען פערקלענערען די פאַבריקאציאָן פון צוקער. מען רעכענט אַז עס זאָלען נאָך מעהר שטייגען די פרייזען אויף צוקער.

*

דייטשלאַנד. — אין **דרעזדען** איז געווען אַ קאָנגרעס פון די חברות וואָס קעמפפען געגען שכרות. דר. **פידלער** האָט פאָרגעשטעלט אַ רעפעראַט וועגען דעם איינפלוס פון ספירט אויף דעם מענשליכען קערפער. אין דייטשלאַנד ווערט יעדעס יאָהר אויסגענוצט $5^3/_4$ מיליארד ליטער ביער, 680 מיליאָן ליטער בראנפען, און 23 מיליאָן ליטער וויין. עס קומט אויס, אַז פון די 54 מיליאָנען נפשות, וועלכע וואהנען אין דייטשלאַנד, רעכנענדיג אויך פרויען און קינדער, טרינקט יעדער אויס בערך 100 ליטער ביער און 13 ליטער בראנפען. גאַנץ דייטשלאנד גיט אויס אויף פערשיעדענע משקאות $1^1/_2$ מיליארד מארקען. און, ווי עס איז ידוע, זענען די דייטשען נאָך נישט די גרעסטע שכורים.

פרוי **עלבען** האָט אָנגעוויזען אויף דעם, אַז דאָס זיכערסטע מיטעל געגען שכרות צווישען ארבייטער, איז צו פערגרעסערען דעם פערדינסט און פערקלענערען די ארבייט צייט, ווייל דורך דעם וועלען די פרויען פון די אַרבייטער קענען שאַפען אַ בעקוועמערע היים פאַר זייערע מאַנען, און זיי וועט מעהר נישט ציעהען צו פערברענגען די צייט אין שיינק.

עס העלפען אויך מיט צו פערקלענערען דאָס שכרות די **פאָלקס-הייזער**, וועלכע עקזיסטירען אין דרעזדען און פיעל אַנדערע ערטער. אין די הייזער קענען גרויסע און קינדער זעהר אנגענעהם און ניצליך פערברענגען די צייט.

טערקיי. = א גרופע פון דייטשע אגראנאמען האָבען יעצט געענדיגט זייערע פאָרשונגען און אויסמעסטען פון די וועלדער אין אייראפעיש און אַזיאטיש טערקיי. לויט זייערע ידיעות פערנעהמען די טערקישע וועלדער אַ שטח פון 12 מיליאָן העקטאר; בעזאָנדערס זענען זעהר גרויס די וועלדער אויף דעם לבנון און ביי טראפעזונד. ווי עס זעהט אויס פון די טערקישע צייטונגען זענען די דייטשע אגראנאמען געשיקט געוואָרען קיין טערקיי פון דער דייטשער ממשלה, וועלכע וויל איינטרעטען מיט דער טערקישער רעגיערונג אין אונטערהאַנדלונגען וועגען פאַכטען די וועלדער און מאכען דאָרט איזענבאהנען, כדי מען זאָל קענען האקען און ארויספיהרען דאָס האָלץ.

אוֹיף צִיוֹנ׳ס פֶּעלְדֶער.

אויף אַייעֶרע גָאלְדֶענֶע זַאנְגֶען,
צוּזַייט און צוּשְׁפְּרֵייט אִין דֶעם טְהָאל,
וִוי טְרוֹימֶערִישׁ שְׁוֶועבֶּען גֶעזַאנְגֶען,
און מַעֲשׂוֹת מִיט וואוּנְדֶער אָהְן צָאהְל.
עֶס דַאכְט זִיךְ עֶס וִוינְקֶען פוּן וַוייטֶען
פִיעל שָׁאטֶענְס — עֶס הֶערְט זִיךְ אַ קוֹל
פֶּערְגֶעסֶענֶעם לִיעד פוּן פַארְצַייטֶען,
אַ נִגוּן, אַ שְׁפְּרוּךְ פוּן אַ מָאל.
וִוי לִיעבּ זֶענֶען זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער,
זֵיי רֶעדֶען זָא מִילְד, זָא גֶעטְרַיי —
עֶס צִיהֶען גְרוֹי־אַלְטֶע גֶעשְׁלֶעכְטֶער,
אַ פְרִישׁ נַייעֶר דוֹר גֶעהְט פָארְבַּיי —
וַוייט קַייקֶעלְט זִיךְ אִיבֶּער דִי פֶעלְדֶער
דֶער דוּנֶער וֶוען ס׳שְׁטוּרְמְט דֶער טָאג,
וֶוען ס׳שָׁאקְלֶען זִיךְ וַויינֶענְד דִי וֶועלְדֶער,
און ס׳פְלִיהֶען דִי הַאלֶקֶעס מִיט קְלָאג;
וַוייט לוֹיפְט צְווִישֶׁען בֶּערְג דֶער גֶערוּדֶער
דֶער בַּת־קוֹל קְלִינְגְט פִיעל הוּנְדֶערְט מָאל,
וֶוען ס׳וַוארְפֶען דִי חְוַואלְיֶעס זִיךְ נִידֶער
פוּן בַּארְג אִין דֶעם פְרֶעהְלִיכֶען טְהָאל.
דָאךְ דְרִינְגְט יָא נָאךְ טִיעפֶער, נָאךְ וַוייטֶער
דָאס טְרוֹימֶערִישׁ שְׁטִילִינְקֶע לִיעד,
און וִוי נוּר עֶס קוּמְט וֶוערְט דָארְט הַייטֶער
און פְרֶעהְלִיכֶער יֶעדֶעס גֶעמִיט.
נָאךְ וַוייטֶער, נָאךְ טִיעפֶער... דִי לִיעדֶער
זֵיי קְלִינְגֶען — עֶס טָאגְט שׁוֹין דִי נַאכְט —
דָאס אַלְטֶע וֶוערְט לֶעבֶּעדִיג ווִיעדֶער
אִין נַייעֶר, אִין רַייסֶענְדֶער מַאכְט.
ס׳ווֶערְט לוֹיטֶער, עֶס שְׁלָאגֶען דִי פְלַאמֶען —
גֶערִיסֶען דִי פִינְסְטֶערֶע נַאכְט!
דָאס אַלְטֶע דָאס שְׁלִיסְט זִיךְ צוּזַאמֶען,
מִיט׳ן נַייעֶם אִין רַייסֶענְדֶער מַאכְט...
וֶוער רֶעדְט מִיט׳ן הַארְצֶען? דִי וֶוערְטֶער
זֵיי קְלִינְגֶען זָא מִילְד זָא גֶעטְרַיי —
עֶס צִיהֶען גְרוֹי אַלְטֶע גֶעשְׁלֶעכְטֶער,
אַ פְרִישׁ נַייעֶר דוֹר גֶעהְט פָארְבַּיי —

פֶּעטְרוּס.

דִי פָאהְן

א מעשה פאַר יודישע קינדער
דערצעהלט פון

שלום־עליכם.

(ענרע)

ו.

גאָט האָט געהאָלפען, דער סכּות איז געקומען און איך האָב מיר געקויפט אַ פאָהן, אַ גרויסע, אַ געלע, אַ „צווייזייטענדיגע“.

פון איין זייט זענען געווען אויסגעמאָלט צוויי חיות, וואָס האָבען געהאַט אַ פּנים פון קעץ, נאָר בּאֱמת זענען זיי געווען לייבען מיט אָפענע מיילער און מיט לאַנגע צונגען. אויף די צונגען ביי זיי זענען געווען

אַרויפֿגעטהון פֿייפֿליך, אַפּנים שופֿרות, מחמת ס'איז געשטאַנען אָנגעצייכענט מיט גרויסע אותיות: בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר.

אונטען אונטער די לייבען איז געשטאַנען אויפֿגעשריבען פֿון דער רעכטער האַנד: דֶּגֶל מַחֲנֵה יְהוּדָה. פֿון דער לינקער האַנד: דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם.

דאָס האָט איהר ערשט איין זייט פֿאָהן. אויף דער אַנדערער זייט איז געווען נאָך שענער. דאָרט זענען געשטאַנען אויסגעמאָלט די פּאָרטרעטען פֿון מ ש ה מיט אַ ה ר נ'ן, פּינקטליך, ווי לעבעדיגע. מ ש ה מיט אַ גרויסען דאַשעק אויפֿ'ן שטערן, און אַ ה ר ן מיט אַ גאָלדענער רייף אויף דער געלער פֿאַטלע. אין מיטען, צווישען משה מיט אהרנ'ן, אַ גאַנצע טאַליאַסטרע יודיליך, געפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע, מיט תּוֹרה'ליך אין די הענד. אַלע האָבען זיי איין פּנים, גלייך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט, אַלע מיט לאַנגע אַלי'ן איינע קאַפּאָטקעליך, אַלע מיט שיך און זעקליך און אַלע מיט גאַרטעליך אַביסיל נידעריגער פֿון דער דיך... די יודיליך הויבען פֿיס און זינגען: שִׂישׂוּ וְשִׂמְחוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה.

בעקומען אַ פֿאָהן באַדאַרף מען קריגען אַ שטעקיל צו דער פֿאָהן.

דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו רב זיאַמע דעם סטאָליר, טאַקי דער איינענער רב זיאַמע, וואָס האָט אַמאָל זיך אונטערגענומען מיך אויסלערנען רעדען „ווי אַ מענש“.

— וואס וועסט דו עפּיס זאָגען „טאָפּילי טוטאָריטוטו“?

— אַ שטעטיל צו דער פֿאָהן...

— וואָס הייסט — זאָגט ער — אַ שטעטיל?

— אַ שטעטיל — זאָג איך — פֿון אַ שטיטיל האָלץ, מע זאָל טאָנען טראָדען די פֿאָהן.

רב זיאַמע טרייבט מיט מיר אַזוי לאַנג קאַטאָוועס ביז איך צעוויין מיך. דעמאָלט ווערט ער ווייך, וואַרפֿט אַוועק אַלע אַרבייט, נעמט אַ שטיקיל האָלץ, אַ שנייץ אַהער, אַ שנייץ אַהין — פֿאַרטיג.

אַצונד פֿעהלט מיר נור איין עפּעל מיט אַ לעכטיל, געוויינטליך פֿון וואַכס ניט פֿון חֵלֶב, וואָרום חלב אַז וועט אַרויפֿקאַפּען אויפֿ'ן עפּעל איז פֿערפֿאַלען דער עפּעל, מע וועט איהם נאָכדעם ניט קאָנען עסען... אָבער וואַכס מאַכט ניט אויס, וואַכס איז כּשר...

נו, און וואַכס איז דאָך ביי מיר פֿאַראַן מעהר ווי ביי אַלע יונגליך. אדרבה, אַ יונגיל אַז ער בעדאַרף אַ שטיקיל וואַכס צו וועמען קומט ער אָן? צו מיר! וואָרום מיין טאַטע איז דאָך אונטער־שמש אין אינטערשטען קלייזיל פֿון דער קצַבישער קלויז, איז וואָס עס בלייבט נאָך יום־כּפּור פֿון די לעכט געהער צו איהם — דאָס איז זיין הַכְנָסָה. ער שמעלצט דערפֿון „שַׁמָּשִׁים“ צו די חֲנוּכָּה לעכטליך, הַבְדָּלוֹת און סטאַטשיקעס, און וואָס עס פֿאַלט אַראָב פֿון די הבדלות מיט די סטאָטשיקעס געהער צו מיר — דאָס איז מ י י ן הכנסה.

הקצור איך האָב אַלסדינג וואָס מע בעדאַרף!

ז.

אַריינגעזעצט די פֿאָהן אינ'ם שטעקיל, אויפֿגעפּאַסט אויפֿ'ן שפּיץ אַ רויטען עפּעל און אָנגעצונדען פֿון אויבען דאָס וואַכסען לעכטיל. לאָז איך מיך שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אויף דער נאַכט אין שול אַריין צו די הַקָּפוֹת לעבעדיג פֿרעהליך, ווי אַ גליקליכער פּרינץ, ווי אַ בֶּן מֶלֶךְ, וואָס קיינער איז צו איהם ניט גלייך.

עס שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז איך בין שוין אין שול אויבען אויף דער מִזְרָח־באַנק מיט אַלע בַּעֲלֵי־בָּתִּישע קינדער. די לעכט ברענען. מיין פֿאָהן איז שענער פֿון אַלע פֿאָהנען. מיין עפּעל איז רויטער פֿון אַלע עפּעל. מיין לעכטיל איז גרעסער פֿון אַלע לעכטליך. אין שול איז איין איינגשאַפּט, אַ היטץ מיט סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת, ווייבליך און מיידליך אַ סך זענען געקומען קושען די תּוֹרָה. אָט געהט רב מֶלֶךְ דער חַזָּן מיט'ן צוּלאָזטען טַלִית אויף צופֿריהער, ווי אַ גענעראַלפֿעלדמאַרשאַל. נאָך איהם — די בעלי־בתּים. רב מלך ציקעלט זיך און זינגט אויף זיין בלעבענער שטימע: „עוֹ—זֵר דַ— — — לִים הוֹשִׁיעָה נָא!“ די ווייבליך מיט די מיידליך שפּרונגען אין פּנים אַריין, קושען די תּורות און שרייען מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָהר! דערלעבט איבער אַ יאָהר!“ — גַּם אַתֶּם! גַּם אַתֶּם!

נאָר איידער מע קומט צו צום אינטערשטען קלייזיל פֿון דער קצבי'שער קלויז, דאָרט וואו איך דאַווען, מוז מען דורכגעהן פֿאַרביי עטליכע שולען און בָּתֵּי מִדְרָשִׁים: די קאַלטע שול, די ליטווישע שול, דאָס שניידערשע שולכען, דאָס גרויסע בֵּית מִדְרָשׁ, דאָס קליינע בית מדרש, דאָס אַלטע בית מדרש, די ערשטע קלויז, די חסידישע קלויז, די מתנגדישע קלויז, די נייע קלויז, דאָס געלע קלייזיל — ביז מע קומט צו דער קצבישע קלויז און פֿון דאָרטען שוין לאָזט מען זיך אַראָב אין אינטערשטען קלייזיל.

אָט, אָ די אַלע שולען און בתי מדרשים, וואָס איך האָב אייך דאָ אויסגערעכענט, זענען חלילה נישט צעוואָרפֿען דער אין ליסי יענער אין סטריסי ווי ביי אייך אין יעהופעץ. ביי אונז אין מאַזעפּעווקאַ איז אַ היות. ביי אונז געפֿינען זיי זיך אַלע אויף איין גאַס, אויף איין שטיקיל ערד, כמעט אין איין הויף, — און דאָס ווערט אָנגערופֿען דער „שולהויף“.

אונזער שולהויף איז אינגאַנצען כמעט איין שול. זומער אַז די פֿענסטער זענען אָפֿען און איהר געהט פֿאַרביי בְּשַׁעַת מע דאַווענט ווייסט איהר ניט וואָס איהר זאָלט טהון: צי איהר זאָלט בלייבען שטעהן און שפּרונגען קְדוּשָׁה, צי איהר זאָלט זיך אָנבויגען חאַפּען אַ בָּרְכוּ, צי איהר זאָלט ענטפֿערען אָמֵן יְהֵא שְׁמֵהּ רַבָּא. בשעת פֿון איין זייט הערט זיך אַ געזאַנג „אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה“ שרייט עמיצער פֿון דער זייט אֶ—חָ————ד! פֿאַלט איינער אַריין פּלוצים מיט אַ נִגּוּן פֿון דער גְמָרָא: מִכְּלָל שֶׁהוּא צָרִיךְ לִפְרָט וּמִפְּרָט שֶׁהוּא צָרִיךְ לִכְלָל. שלאָגט איהם איבער נאָך איינער מיט אַ נייעם נִגּוּן: יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא. קומט צו געהן אַ דריטער און לאָזט אויס גאָר מיט איין אַנדער טאָן: הַלְלוּיָהּ? הַלְלוּיָהּ!...

אונזער שולהויף האָט צוויי געשטאַלטען: אין דער וואָכען איז ער אַנדערש, שבת און יום־טוב — ווידער אַנדערש. אין דער וואָכען איז ער אַ מאַרק פֿון יודישע ספֿרים, טליתים ציצית און מזוזות, פֿוילע עפּעל, קברות באַרליך, סעמעטשקעס און בעבליך, מאַהינדליך, בייגעליך און צוקערלעקיך. ציגען צעלייגען זיך ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען און זענען מַעֲלֶה גֵרָה, שאָקלען בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה מיט די בערדליך. קומט אָבער שַׁבָּת און יום־טוב — אויס מאַרק, אויס מִסְחָר, אויס ציגען. יודען זאָלען געזונד זיין קלויבען זיך צענויף רעדליך־ווייז, מע רעדט און מע גרייגערט. מע דערצעהלט נייעס פֿון דער גאַנצער וואָך, פֿונ'ם גאַנצען יאָהר און פֿון דער גאַנצער וועלט. אויך קינדער, הדר־יונגליך, זענען דאָ; הדר יונגליך פֿון אַלע הדרים לויפֿען, שפּרינגען, שוועבען אַהין און אַהער ווי די פֿיש אין וואַסער; גאָט האָט זיי געשענקט אַ מַתָּנָה — זיי זענען פֿריי! מע בעטראַכט זיך איינס אויף דאָס אַנדערע די נייע קאַפּאָטקיליך וועמענס איז לייגער, די יום־טוב'דיגע קאַשקעטליך וועמענס קאַפּ איז גרעסער און מע מעסט אויף די פֿינגער וועמענס פּאָה איז קורצער. דערביי האַפּט מען געוויינליך ווער אַ פֿליק און ווער אַ שטורך און ווער אַ קלאַפּ — ס'איז פֿרעהליך.

נאָר פֿרעהליכער ווי אַלע מאָל איז סכּות, שמיני עצרת אויף דער נאַכט פֿאַר די הקפות, בשעת אַלע יונגליך פֿון אַלע הדרים קומען זיך צענויף אַהער מיט די פֿאָהנען. דאָ מאַשטירעוועט מען זיך אויס אויף כּיתּות, גרויסע יונגליך בעזונדער און קליינע יונגליך בעזונדער. דאָ בעטראַכט מען איינס ביים אַנדערען די פֿאָהנען, וועמענס שטעקיל איז גרעסער, וועמענס עפּעל איז רויטער, וועמענס לעכטיל איז פֿון חלב און וועמענס פֿון וואַכס. דערביי פֿאַלען גענוג ווערטליך, חכמות און געלעכטערען. איינער טהוט אָב דעם אַנדערען אַ שפּיציל: ער פֿערלעשט איהם דאָס לעכטיל, אָדער ער פֿערגנב'ט זיך און בייסט איהם אָב דעם עפּעל, בעקומט ער אין טאַטענס טאַטען מיט אַ פּאַטש אויף פֿערבייסען — ביז מע צעגעהט זיך איטליכער אין זיין שול אַריין.

ה.

— מַזָּל טוֹב! טאָפּילי טוטאָריטוטו האָט אַ פֿאָהן! שָׁלוֹם עליכם אַ גוטער יוד, אַ האַלבען פּנים אָבגעבריהט...

מיט אַזאַ ברייטען בָּרוּךְ הַבָּא האָבען מיך חברה קונדייסים בעגעגענט, אַז איך בין געקומען אויפֿ'ן שולהויף מיט מיין פֿאָהן.

איך בעטראַכט אַלע פֿאָהנען און וואַרף אַ קוק אויף מיין פֿאָהן — ווער? וואָס? וועמען? ווי קומען זייערע פֿאָהנען צו מיין פֿאָהן?

ערשטענס די פֿאָהן אַליין. ביי קיינעם שטעהט זי ניט אַזוי גלייך אַריינגעזעצט אין שטעקיל אַז מע זאָל אַרויסזעהען ביידע זייטען. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ גלייך, קיילעכיג, געטאָקט שטעקיל, ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ רויטער גלאַטער עפּעל. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ שען געראָטען לעכטיל, וואָרום ווער פֿערמאָגט אַזוי פֿיעל וואַכס ווי איך? ווער האט געחאַפּט אַזוי פֿיעל פּעטש מיט סטוסאַקעס ווי איך בשעת דער טאַטע האָט מיך געחאַפּט אין פּאָלעש אונטער דער באַנק קלויבען די שטיקליך וואַכס פֿון די צעשמאָלצענע יום כפור'דיגע שטיקליך לעכט?... איך מאַך אַ פֿערגלייך צווישען מיין פֿאָהן און צווישען די אַלע איבריגע פֿאָהנען — און מיין האַרץ ווערט פֿול מיט גדלות. עס מאָלט זיך מיר אויס אַז איך וואַקס און וואַקס העכער און העכער, לייגער און ברייטער. די פֿיס טראָגען מיך. עס גליסט זיך מיר לאַכען, שרייען, קוויטשען, האָפּען אַ טענציל...

— אַנו וויז נור! — רופֿט זיך אָן צו מיר יואליק דעם נגידס און בלייבט שטעהן פֿערגאַפֿט.

ער בעקוקט מיין פֿאָהן, איך בעקוק זיין פֿאָהן. „אויך מיר אַ פֿאָהן! טראַכט איך מיר — אויך מיר אַ שטעקיל! אויסגעבויגען, גלייך ווי אַ קאָטשערע! איך זעה אַז ער איז אַ געקאָכטער, נאָר איך מאַך מיך ניט וויסענדיג און קוק כלומרשט אָן אַ זייט.

— קאָפּיל! — מאַכט ער צו מיר — וואו האָסט דו גענומען אַזאַ שען שטעקעלי?

— האַ? — זאָג איך און דרעה מיך אויס צו איהם מיט'ן פּנים.

— וואו האָסט דו דערטאַפּט — זאָגט ער נאָך אַמאָל -- אַזאַ טשאַקענדיג שטעקעלי?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו איהם — ווילסט זיך אפשר בייטען אויף דיין צוויאָק?...

יואליק פֿערשטעהט דעם שטאָך. ער טהוט אַ גלאַנ'ץ מיט די אייגליך, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, לייגט אַריין די האַנד אין קעשעני און טריט אָב. איך קוק איהם נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונד. איך זעה ווי ער רופֿט אָב נחמיה'ן מיט'ן קרומען פֿיסיל אויף אַ זייט און סוד'עט זיך מיט איהם און ווינקט אויף מיר מיט די אויגען. איך זעה גאַנ'ץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט וויסענדיג. אין אַ מינוט אַרום געהט צו צו מיר נחמיה מיט'ן קרומען פֿיסיל, האַלט יואליקס פֿאָהן מיט'ן קרומען שטעקיל און רופֿט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדען דאָס לעכטיל, מיינס האָט זיך פֿערלאָשען.

— ס'איז דען דיין פֿאָהן? -- זאָג איך צו איהם און בייג איהם אָן מיין פֿאָהן מיט'ן לעכטיל — איך ווייס דאָך וועמעס פֿאָהן דאָס איז...

און איידער איך קוק מיך אַרום טראָגט צו נחמיה זיין אָנגעצונדען לעכטיל צו מיין פֿאָהן און מאַכט בורא מאורי האש. מיין פֿאָהן צינדט זיך אָן, טהוט אַ פֿלאַקער, פֿ—פֿ—פֿו, — אויס פֿאָהן!

. . . .

ווען עס פֿאַלט אַראָב פֿונ'ם הימעל אַ שטיין גלייך מיר אין קאָפּ אַריין; ווען אַ ווילדע חיה פֿאַלט אָן אויף מיר און וויל מיך פֿערציקען, אָדער ווען עס קומט מיר אָקעגען אַ מת אום האַלבע נאַכט אין ווייסע תכריכים און וויל מיך וואַרגען, וואָלט מיין שרעק נישט בעדאַרפֿט זיין אַזוי גרויס, ווי בשעת איך האָב דערזעהען מיין נאַקעטען שטעקען מיט דער אָבגעברענטער פֿאָהן. עס האָט זיך אַרויסגעריסען ביי מיר פֿונ'ם האַרצען אַ געשריי:

— אוי וועה, מיין פֿאָהן! מיין פֿאָהן! מיין פֿאָהן!...

עס האָבען זיך אַ גאָס געטהון טרעהרען פֿון מיינע אויגען. די גאַנצע וועלט איז פֿאַר מיר געוואָרען פֿינסטער. דאָס שטעקיל מיט'ן עפּעל מיט'ן לעכטיל זענען אַרויסגעפֿאַלען פֿון מיינע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט געהן איך ווייס אַליין ניט וואָהין. איך געה און גיס און גיס מיט הייסע ביטערע טרעהרען. איך ברעך די הענט און בעוויין מיין פֿאָהן ווי מען בעוויינט אַ טויטען, און איך קום צוגעהן אַהיים איינער אַליין, אָהן אַ פֿאָהן, און איך פֿערקלויב מיך אין אַ ווינקעלי, און דאָרט אין דער פֿינסטער זיין איך דעם קאָפּ אַראָב צווישען די קניהען און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זעהען, קיינער זאָל ניט הערען, און איך פֿרעג ביי גאָט אַ קשיָה:

— גוואַלד, גוואַלד, רבונו של עולם, פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר? פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען?!...

. . . .

דאָס לעצטע קאַפּיטעל.

איהר ווייסט, קינדער, אַלע מעשיות האָבען אַ סוף און לאָזען זיך אויס אָדער פֿרעהליך אָדער טרויעריג.

יודישע מעשיות לאָזען זיך אויס צום מיינסטען טרויעריג. פֿאַראַן ביי אונז אַ ווערטיל, אַז אַ יוד, ובפרט איין אָרימאַן, טאָר קיין הנאה ניט האָבען. ס'איז אַ סך וועגען דעם צו רעדען; אַז איהר וועט אונטערוואַקסען וועט איהר געוואָהר ווערען... דערווייל בעדאַרף איך אייך זאָגען, אַז די מעשה מיט מיין פֿאָהן האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט דערמיט וואָס איך האָב אייך דאָ דערצעהלט. איך האָב נאָך גוט, גוט צוגעקריינקט, געליגען אין אַ העליש פֿייער, געזעהען פֿאַר זיך משונה מאָדנע זאַכען, שלאַנגען און עקדישען מיט פֿייעריגע צונגען און ווילדע חיות אינ'ם געשטאַלט פֿון מענשען... איך האָב געהערט משונה מאָדנע קולות פֿון קעץ און פֿון פֿיפערנאָטערס; איך האָב זיך געוואָרפֿען, גערעדט פֿון היי'ץ, געווען פֿאַרביי. מע האָט נישט געהאַלטען פֿון מיין לעבען; אין אינטערשטען קלייזיל פֿון דער קצבישער קלויז האָט מען שוין אפילו אָבגעזאָגט תהילים אויך: איך בין געווען העכער האַלב אויף יענער וועלט...

נאָר אַזוי ווי ס'איז היינט ערב יום־טוב, און יום־טוב, בפרט שמחת תורה בעדאַרף מען זיין פֿרעהליך, וויל איך אויסלאָזען די מעשה מיט מיין פֿאָהן אויך פֿרעהליך.

ערשטענס זעהט איהר אַז איך בין מיט גאָטסהילף ניט געשטאָרבען.

צווייטענס זייט וויסען, אַז אויפֿ'ן אַנדערען יאָהר האָב איך געהאַט אַ פֿאָהן נאָך אַ שענערע, מיט אַ שענער שטעקיל, מיט אַ שענערען עפּעל, און בין דווקא געווען אין שול גאַנ'ץ אויבען אָן אויף דער מזרח באַנק מיט אַלע בעלי־בתּישע קינדער. די לעכט האָבען געברענט. מיין פֿאָהן האָט געשיינט. יודען זענען געגאַנגען מיט די הקפות. רב מלך דער חזן מיט'ן צולאָזטען טלית איז געגאַנגען אויף צופֿריהער ווי אַ גענעראַלפֿעלדמאַרשאַל. ער האָט זיך געציקעלט און געזונגען אויף זיין בלעכנע שטימע: „עו־־זר ד־־־־לים הושיעה נא!" ווייבליך און מיידליך אָהן אַ שיעור האָבען געקושט די תורות, געשפּרונגען אין פּנים אַריין און געשריגען מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָהר! דערלעבט איבער אַ יאָהר!" גם אתם! גם אתם!

קינדער, גם אתם!....

„אַ שטאָלט! אַ שטאָלט!"

(ענדע)

אויס־גע־ראַ־אַמט...

— עס דאַרף זיין שען, ליכטיג, ציכטיג!... -- אַזוי איז זי מסיים.

— נו... נו... מאַכט די אַלטע צום קינד און ווינקט צו מיט'ן פֿינגער. זי געהט אַרויס פֿון צימער, און איהר פּנים און גאַנג פֿערהאַלטען אין זיך אַ סוד עפּיס...

דאָס קינד לויפֿט איהר נאָך.

— וואַש זיך איין — זאָגט די אַלטע, פֿערקעם זיך, — אַ מיידיל דאַרף זיין אַ שע־נע — אַ שטאָ־אַלט...

באַשקעלע פֿאָלגט, טהוט, וואָס די באָבע הייסט. די אַלטע גיט ניט שטאַרק השגחה אויף איהר אַרבייט, דאָך דעם ביינענעם, רויטען „רייפֿעלע" אָנצוטהון אויף די האָר פֿערטרויט זי ניט אויף דאָס קינד — מיט דעם מוז זי זיך אַליין פֿערנעמען און מייסטערט זי גאָר היבש, לאַנג, ביז זי בלייבט צופֿריעדען.

באַשקעלע, איין אויסגעפוצטע, אַ שטאָלצע מיט דעם, זעצט זיך אויפֿ'ן טאַבורעט ביי לאַה'קען אין צימער און... „בלאָזט" פֿון זיך „אַ שטאָלט"... זי רוקט זיך אַל'ץ ווייטער — אויפֿ'ן טאַבורעט, הויבט די

פֿיסליך מעהר, ווי זי וויל העכער אויסזעהן, געוואַקסענער. . . זי לעגט צונויף איהרע רויזען־ליפּעליך, ווי אויף צו הליפּען, וויינען, זי בעקומט אַ נאַריש — בייז פּנימ'ל, נאר זי קלעהרט אין איהר יונג מוֹחַ'ל אַז אַזוי וועט עס צופּאַסען צו דעם, וואס די באָבע רופֿט אָן „אַשטאַלט"...

באַשקעלע נעמט האַסטיג אַרויס פֿון איהר קעשענע אַ פּאַפּיריל — איין עטיקעט מיט אַ פֿאַבריק־געביידע מיט אַ סך קוימענס, צוויי, עקענדיגע, גאָר הויכע, מיט שטייגענדיגע זיילען רויך . . . זי נעמט דאָס פּאַפּיריל פֿונאַנדער אויפֿ'ן שויס, קוקט אויף דאָס בילד און זוכט אונטערוועגענס דער באָבעס בליקען...

די באָבע און דאָס קינד האָבען זיך מיט די אויגען בעגעגענט.

ביי דער ערשטער אין די אויגען האָט עפּיס באַלד העל אַ בליטש געטהון, און שוין האָט עס פֿערזונקען אין אַ טיפֿען דונקעל...

ביי דער צווייטער אין די אויגעליך. האָט עפּיס אַ ציטער געטהון, ווי אַ פֿייעריל פֿון ווינט. . . עס שוידערט שוין דאָס גאַנץ קערפּעריל: די באָבע לויפֿט צו איהר צו האַסטיג, אין איין אָטהעם...

— וויי — אַייז !.. ווייז אַהער...

מיט ציטערענדע הענד רייסט די באָבע אַרויס דאָס בילד ביים קינד. זי האָט עס נור צו די אויגען גענומען — ניט איינגעקוקט זיך, נור בעמערקט, אַז דאָס איז טאַקי, ווי איהר האָט פֿון ווייטען געשיינט, אַ בילד, — און זי האָט עס אין פֿויסט איינגעדריקט. אַ בייזען בליק האָט זי אויף באַשקעלען געוואָרפֿען.

— מיי—נע... נעמסט ביי מיר אַלץ צו... געה !... צו אייך געה !..

באַשקעלע ווערט בלאַס, רויט, די ערשראָקענע אויגעליך ווערען אויך רויט, פֿערפֿולט - אָט, אָט וועט שוין פֿון זיי רונען זודיגע טרערען פֿון פֿערדרוס...

צוביסליך, פֿערשעמט, בעליידיגט, רוקט זי זיך פֿון טאַבורעט.

די אַלטע ציהט זי מיט אַ כּעס.

— געה !.. קלויבסט ביי מיר דאָ אַלין אונטער... איך ברענג עס ניט צוליעב דיר...

טרעהרען קראָפּליעס, גאָר ביטערע האָבען זיך ביי באַשקעלען געשטעלט, זי האָט זיי אַראָב געשלונגען, האָבען זיי זיך ווידער אַרויס געקייקעלט...

... אין פֿאָהר־הויז, אין אַ ווינקעלע האָט זי זיך בעהאַלטען, געשטאַנען אַ ווײַלע, דערנאָך האָט זי מיט אַמאָל פֿערריכט די האָר מיט'ן רייפֿעלע אויף זיי, אויסגעווישט דאָס פּנימ'ל און איז געלאָפֿען שפּילען מיט איהרע חבר'תעם.

אַז די מוטער האָט שפּעטער געפֿרעגט: דו האָסט זיך געוואַשען — ווער האָט דיך געוואַשען? — האָט זי גאָר פֿריידליך געענטפֿערט: „די באָבע".

די באָבע, אַרויסאָגענדיג באַשקעלען פֿון צימער, האָט פֿעסטער איינגעדריקט דאָס פּאַפּיריל אין פֿויסט — זי האָט עס געוואָלט פֿיהלען ביי זיך אין האַנד... זי האָט זיך אומגעקוקט, צי שלאָפֿען איהרע בעלי־בתים, האָט זיך צוגעהערט שטאַרק צו זייער שנאָרכען, זי האָט צוגעמאַכט די צוויי האַלבע־טהירליך פֿון צימער און איז צו איהר קעסטיל אַוועק. אין ווינקעל צווישען דער הרובע און אַ קליידער־שאַפֿע איז אַ הילצערנעם קעסטיל געשטאַנען. זי האָט איהם שטיל אָבגערוקט פֿון וואַנד, איבערגעדרעהט צו זיך מיט'ן זייט, וואו דער דעק עפֿענט זיך. (דאָס קעסטיל האָט קיין שלאָס נעהאַט און די אַלטע פֿלעגט עס דערייבער שטעלען מיט דער אָפֿענער זייט צו דער וואַנד). זי האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט — עס זעהט קיינער — און זי האָט געעפֿענט דאָס קעסטיל עטוואָס - געוויס האָט זי פֿאַר דער סטעליע אפילו ניט געטרויט אַריין צו קוקען אַהין, — און מיט דער האַנד האָט זי זיך דאָרטען געגראָבען, האָט אָנגעטאַפּט, וואו אונטער די תכריכים איהרע, אין יענעם ווינקעל זענען פֿיעל פּאַפּירען געלעגען, גרויסע און קליינע, דיקע, שטייפֿע, דינע, אַלע סאָרטען — דאָרט האָט זי איינגעלאָזען פֿון האַנד דאָס בילד. זי האָט אַ זיפֿ'ן געטהון: זאָל זי קיין שרעק האָבען, אַז אָט וועלען די בעלי־בתים אויפֿשטעהן, וואָלט זי איבערגעקוקט אַביסל אין קעסטיל — צי זענען דאָרטען אַלע „פּאַטרעטען" פֿאַראַן?...

— „זיי" האָבען צושלעפּט — די קינדער...

— זי וועט שפּעטער געהן צו שמואל'ן וועט זי בריינגען נאָך...

זי האָט צוגעמאַכט דאָס קעסטיל, האָט עס צוגערוקט צו דער וואַנד מיט דער אָפֿענער זייט. נאָך אַביסיל צוגערוקט, האַרטער צו דער וואַנד, איז אויפֿגעשטאַנען, האָט נאָך אַ בליק געוואָרפֿען אויפֿ'ן קעסטיל, — מיט דעם בליק האָט זי ווי פֿערשפּראָכען אַ שְׁמִירָה...

נאָכ'ן שלאָף. —

שרה, די ווירטהין פֿון הויז, האָט שוין דערלאַנגט צום טיש אַ פּאָר גלאָז ברודיגען שבת'דיגען טהע פֿון „ליאַק", און ר' חיים, דער בעל־הבית, זיצענדיג אויסגעצויגען די פֿיס אויפֿ'ן קאַנאַפּע (לכבוד־שבת געוויס . . .) בעטראַכט עס מיט אַזאַ קוראַזש: אָט איז ביי איהם דאָ — אויפֿ'ן טיש — דער גאַנצער ענג־שַׁבָּת !.. און פֿאַר הַרְחָבָה צוגענעצט ער זיך אַזוי שטאַרק מיט אַזאַ הילכעריי און קנאַקט די פֿינגער מיט געוואַלדיגען געטומעל...

— וואָס זאָגסטו אויף דער „גובערנאַטערקע" ביי אונז אין שטוב?— זאָגט שרה צום מאַן, זעצענדיג זיך אויך ביי'ן טיש—ווי זי האָט עס צוגעקליבען אונזער באַשקעלען ! . . אַ גאַנצע „גובערנאַטאָרקע" איז זי דאָך די אַלטע !..

— אַ „גובערנאַנטקע" — פֿערריכט ר' חיים — פּיש, פּיש — שפּילט זיך מיט איהר ! . . זעה אַקאָרשט ווי זי האָט זיך דאָס פֿערקוקט אויף אונזער זלמנ'ס ביכער . . . אויפֿ'ן קאַמאָד... שטעהט און קוקט -- בלעטערט — אָה, זי מוז זיין אַ מבינת'ע ! . . ווייצעלט ער נאָכ'ן שבת'דיגען שלאָף.

— יאָ, דאָס זוכט זי עפּיס פּאָרטרעטיקליך אין די ביכער . . . הערסט דאָך — בייגט זיך צו שרה צו איהר מאַן: איך זעה אַמאָל — זי בלעטערט די ביכער — קיינער איז אין שטוב ניט געוועזן. איך געה אָן דאַרויף, ווי זי האָט עפּיס אַ פּאָרטרעט פֿון אַ בוך אַרויסגענומען — דאָס בלאַט איז אַפֿילו געוועזן אויסגעריסען — לעגט עס צונויף, קאָמטשעט עס איין אין האַנד און קוקט זיך אום — און וויל לעגען אין קעשענע...

מהו — אוי. . . ברומט אַרויס ר' חיים און קוקט שוין נאָך דער אַלטער, ער היסט שוין...

— זאָג איך איהר: באָבע, נעמט דאָ גאָר נישט — זלמן דאַרף דאָס געוויס... דאָ געהט אַריין זלמן אויך... ווייסט דאָך זלמנ'ן — גיט ער איהר דאָס אַוועק . . . ער פֿרעגט ביי איהר נור אויף וואָס וועט עס איהר נוטצען... — „אַזוי"... זאָגט זי: „אַזוי... אַ פּאַרטרעט... דאַרפֿסט עס ניט, זלמן, דאַרפֿסט עס ניט? — פֿרעגט זי ביי איהם, „שענק דאָס מיר... אַזוי... אַ פּאַרטרעט"... האָט ער דאָס איהר געשענקט...

— האָט ער דאָס איהר אָבגעגעבען? — פֿרעגט איבער ר' חיים — אַ' וואָס שאַד אַ ביכיל. . .

— קענסט דאָך אונזער זלמנ'ן — פֿערענטפֿערט די פֿרוי — ער און „זי" — זענען דאָך ביידע קלאָרע לייט...

— אַ—אַ... איז ר' חיים מודה מיט אַנגסט.

— דו וואָלסט זעהן ביי איהר אין קעסטיל — איז „אַ סאַמעטניק" מיט פּאַרטרעטען, בילדער פֿין ביכליך, פֿון אַלין,— וואו וואָס זי קריגט— פֿערשטעקט זי דאָס אַהין... מיט די תכריכים צוזאַמען. . . גנב'עט צו ביי די קינדער — נעמט אָב — קוילעט זיך פֿאַר אַ פּאַרטרעטיל — ס'איז איהרע !.. און בעהאַלט... זי עפֿענט דאָך ניט דאָס קעסטיל, ווען מענשען זענען אין שטוב...

— אַסיגנאַציעס קלויבט זי דאָס — אַ בראַנד־קאַסטען, ווי ביי זלמן כהן, איז ביי איהר... איראָניזירט ר' חיים. —

— באָבע, אָה, באָבע ! — שרייט גאָר אויס ר' חיים — וואָס קוקט איהר זיך אַזוי צו צו די ביכער? איהר זוכט עפּיס „געניט" אין דעם — אין די „מַעֲשֶׂה־הָיְו'ת" געניט?.. שרייט ער.

די אַלטע הערט דערווייל נור אַ שטים און געהט צו נעהנטער.

— איהר האָט עפּיס אַ יְדִיעָה אין די ביכער? — פֿרעגט ער איבער מיט איין אַנדער נוסחא און צוקרימט שוין דעם פּנים, גרייטענדיג זיך צו הערען ענטפֿער.

— ביי מיין שמואל'ן, ביי מיין שמואל'ן... (ר' חיים זאָגט איהר נאָך און לעגט צו: „נו"...) - איז אויך פֿאַראַן ביכער... פֿאַראַן... גרויסע ביכער — גרויסע, שענע... געמאָלט אין זיי... פּאָרטרעטען פֿאַראַן... ליגט אויפֿ'ן טיש... אַ בוך קאָסט צעהן רובעל — 10 רובעל קאָסט... אין אַ שייד... אַ בונד אַ שענער — מיט צאַצקעס אָבגעמאַכט... שמואל'ס אַ בוך... ס'קומט איהם אָן... ביכער קומען איהם אָן... פֿון פּיטערבורג קומט אָן — מע שיקט איהם אַרויס — פֿון דאָרטען אַלי'ן... ביכער, פּאָרטרעטען — וואָס ער דאַרף ניט — שענקט ער מיר... מיר... מיין שמואל איז אַזאַקאָנניק — אַ לייט!.. מיט שְׂרָרוֹת געשעפּטען... אַליין — אַ שטאַ-אַלט!..

און, רעדענדיג, הויבט זיך אַלי'ן מעהר אויף דער אַלטער געהויקערטער קערפּער — ס'גלייכט זיך...

— און איהר קלויבט עס די „שמות" ?.. שפּאָטעט אויס ר' חיים.

די אַלטע ענטפֿערט דערויף גאָר נישט; דער קאָפּ בויגט זיך איהר, זי זעהט אויס „אָראָבגעפֿאַלען", פֿערשעמט. ר' חיים וויל איהר מונטערער מאַכען מיט זיין געשפּרעך: אייער שמואל איז אַ לייט...

— ביי מיין זלמנ'ן איז אַ פֿולע ביכער — האַ? — וויל ער זי מיט דעם אַריינפֿיהרען אין אַ שמועס — מיין בחור איז אַ לייט — ווי זאָגט איהר? — פֿון דעסטוועגען איז ער אַ קענער...

— יאָ, יאָ — אַ לייט!.. מאַכט די אַלטע.

— אַ דאַנק דעם לעבעדיגען!.. שפּאָטעט שוין אויס ר' חיים: אָבי ער געפֿעלט איהר...

— אַ שטאַלט איז ער אויך, האַ? — בענוצט ער איהר וואָרט און שמייכעלט: — וואָס ווילט איהר, באָבע, געבען פֿאַר איהם נדן — וויפֿיעל? — ער איז ווערטה אַפֿולע... זעצט זיך, באָבע, זעצט זיך... דאָ, אויפֿ'ן קאַנאַפּע מיט מיר... נאַט אייך אָרט...

און ר' חיים ווערט אַזוי קאָכיג, פֿערטיפֿט אין עִנְיָן צו רעדען וועגען נדן פֿאַר זיין זוהן, אַז ער ציהט צו זיך צו זיינע פֿיס און לאָזט אָרט פֿאַר דער אַלטער.

— וואָס ווילט איהר געבען פֿאַר איהם נדן ?...

— אַ כלה אַ רעכטע נור — אַ רעכטע — אַ שענע — אָהן נדן, ר' חיים... זאָגט די אַלטע ערענסט.

ר' חיים גלאָטשעט די אויגען, שטעלט אויס די צונג: „הערסטו, ברוך, אַ הַמְצָאָה, הלעבען!.. זאָגט ער צו שרה'ן.

— אַ שענע, אַ שע—נע — דאָס איז דערהויפּט...

— אַ שטאַלט! אַ שטאַלט!... האַפּט שוין אונטער ר' חיים מיט שפּאָט און צורייצט אפילו: שען, שען — וואָס איז אָבער שען ?..

— אַ געמאָל זאָל זיין — אַ קאָרט... אַ שענע — איז אַלי'ן שען... איין אײדעלע — געשניצטע איברים!..

די אַלטע ווערט אַלי'ן מעהר לעבעדיג, ר' חיים הערט צו מיט געשפּאָט.

— פֿע—פֿע—ע!.. פֿאַר נדן, פֿאַר געלד!.. „הַלְּשׁוֹת" נעמט מען... פֿע—ע!.. אַ שענע, און אָהן געלד... אָהן געלד!.."

די אַלטע ווערט פֿערזאָרגט, איהרע אויגען קוקען ערגיין ווייט, זיי זוכען עפּיס, זענען פֿערזונקען וואו...

— וואו מיין זוהן וואָהנט... הויבט זי אָן נאָך ווי פֿון חלום.

— דאָרטען איז דער רעכטער מָקוֹם פֿון שענקייט — שפּאָטעט אונטער ר' חיים — וואו זעליג דער קַבְּצָן וואָהנט, איהר זוהן, דאָס שניידעריל...

— דאָרטען איז פֿאַראַן אַ מיידיל אַ נייטהערין — לעגט צו די אַלטע (די אמתע „שענע לייט"... שטעלט ווייטער אַריין ר' חיים), אין דער אַנדער האַלבער שטוב — אי, אַ שענע — אַ שטאַ—אַלט!.. זי וואַרפֿט שוין מיט די הענד, עס ווערען מאָדנע גרויס איהרע קאַרע אויפֿגעלעבטע אויגען, די געלע צוקנייטשטע הויט פֿון פָּנים ווערט בעלויכטען — עס שיינט פֿאַר הִתְפַּעֲלוּת, יונג — פֿון לעבען פֿאַר איהרע אויגען איז „אַשטאַלט"...

— שע—ען, ווי אַ בלומעלע אין גאָרטען... ע—ע—ע... קרעכטשעט זי און דרעהט מיט'ן קאָפּ: איין עפּעלע אויפֿ'ן בוים... איין אויג נעמט אָב! אַ מַתָּנָה פֿון גאָט... אויסגעטאָקטע אֵבָרִים'ליך — קלאָהר — קלאָהר... אַ הענטיל — מע טאָר זיך ניט איינקוקען — קלאָהר, ווי „האַרמען"... איין אויג, איין אויג!...

זי שרייט כִּמְעַט אויסער זיך...

— אַ קלאָהרקייט זייערע, די שענקייט... אויגען.. די „מַצֵּבָה" איהרע — אַז זי שטעלט זיך — אַ בוים — אַ בוים!.. אַ שענער בוים!.. אַ שטאַלט... גאָר אַ שטאַלט!..

— טאַקי שען — שענער פֿון דיר — מאַכט ר' חיים צו זיין פֿרוי — מיר וואָלט עס איצט געפּאַסט — איך האָב דאָך שוין איינמאָל גענומען נדן — פֿאַר דיר...

— אָהן געלד — לעגט צו די אַלטע... ס'אַ ציה־ונג אין שטוב... ס'פֿערשיינט אַלע ווינקעליך... איין אַנדער ליכטיגקייט...

— שענקייט בלייבט אויף שפּעטער אויך... וואָס שען — דאָס בין איך אַליין... ניט פֿון לייטענסוועגען, ניט פֿון יוֹצא וועגען... ס'איז ווערטה איין אייגענס...

— גאָר ניט שלעכט מאַכט זי, די אַלטע — זי האָט נאָך „אַ גראַמס" אויך... שמייכעלט ר' חיים.

— אַ זעלטענעס קינד... אַ ווייכער האַראַקטער — אַ דיאַמאַנט — אַ דיאַמאַנט — אַ גוטהאַרצינע!..

— מיט אַלע מעלות — שפּאָטעט אויס ר' חיים: און „זי" וועט וועלען טהון אַ שידוך — מיט מיין בחור, מיט מיי — איינעם — דריקט ער דאָס לעצטע וואָרט — וועט „זי" וועלען טהון ?..

— גענוג שוין דיר, גענוג, — געפֿונען פֿון וועמען צו לאַכען — האַלט איהם אויף די פֿרוי.

— באַ־בע! באַ־בע־לע! באַ־בענ־יו! — שרייט לאהקע פֿון איהר צימער.

— באַ־בע, געהט צו מאַטיקען — זאָגט זי, בעווייזענדיג זיך מיט אַ שמייכעל שוין דאָ אין צימער.

— שוין אויפֿגעשטאַנען דאָס יונגיל? פֿרעגט שרה.

— ניין — ענטפֿערט מיט אַ גנבהשען אויסדרוק דערביי לאהקע. — ער האָט זיך נור „אָראָי" געטהון דערווייל אין וויעגעל, דער „קאָטשאַנטיג" מיינער... דאָס וויל איך זי פֿון דאַנעט אָוועקרופֿען — וואָס וועט זי דאָ דולען דעם קאָפּ אייך — איהר דאַרפֿט זי דאָ נייהטיג דאָך...

— זיצט, באָבע, זיצט דאָ נאָך — האַלט איהר אָב ר' חיים — זי האָט שוין געוואָלט געהן — זיצט דערווייל — מען הערט נאָך ניט דעם הַזָן.

לאה'קע האָט מיט פֿריעדען געשמייכעלט צום בעל־הבית פֿאַר זיין אויסדריקען זיך „דעם חזן" וועגען איהר מאַטיקלען. —

— באָבע, איהר האָט עפּיס געגעבען נדן — פֿרעגט ער — אַפֿולע נדן געגעבען ?..

— האַ־האַ־האַ... צולאַכט זיך לאה'קע מיט געשמאַק, נאָר ר' חיים קלאַפּט מיט אַ פֿינגער אויף די נאָז; מע זאָל וואַרטען אויף „איהר" ענטפֿער — דאַמאַלס וועט מען נאָך ברייטער מעגען לאַכען...

— אָהן נדן האָט „ער" אייך גענומען ?..

— אָ־אָ... ציהט אויס די אַלטע אַ שטים, ווי איין אָטהעם און קעהרט אָב דעם קאָפּ אין דער זייט, זי בלייבט שווייגען, פֿערזונקען אין מַחֲשָׁבוֹת...

— אָהן נדן... איראָניזירט דערווייל ר' חיים אין דער שטיל פֿאַר די פֿרויען, איבערהויפּט פֿאַר לאהקען: נדן נאָך האָט זי בעדאַרפֿט געבען איהר תַּכְשִׁיטִ'ל, בערעלע „אַהוואָטניק"!.. אַ הויכע נְשָׁמָה גאָר געווען — אַ שמידויע — איין שִׁכּוֹר אין דער וועלט צו אַלע זיינע מעלות... אפילו איין עָנָו איז ער געווען אַ גרויסער: פֿלעגט טרינקען מיט וואַסערטרעגער, מיט'ן סטראָזש פֿון באָד, מיט גאַיעס אויך — ניט אויסגעקליבען... וואַלגערן זיך אין בלאָטע טוידט — שִׁכּוֹר... ביז דער פְּטִירָה אַזוי... אַ שאַנדע פֿאַר זיך פֿאַרביינגעהן איהם, בְּעֵת ער פֿלעגט זיך, ווי אַ שוויין, באָדען אין דער בלאָטע...

— אַלי'ן ווייס ער — אַלי'ן דאַרף ער רעדען — מאַכט איהם די

פֿרוי פאָרווירפֿע, זי וויל איהם אָבווענדען פֿון זינדיגע רייד: ער איז שוין לאַנג געשטאָרבען — וואָס דאַרפֿסטו איהם דערמאָנען ?..

— האָסטו מורא!.. האָפּט זיך אויף ר׳ חיים נאָך מיט מעהר געשמאַק: לאַך זיך אויס... ער וועט זיך ניט איבערקעהרען אין קֶבֶר דער צַדִיק: דו מאָנסט רוהיג שלאָפֿען... אַז ער איז „געפֿאַלען", געשטאָרבען, הייסט עס — הויבט ער אָן עטוואָס אונטערגעזוננען, ווי אַ פּדהָן — האָט מען דאָס איהם אַוועקגעשלעפּט אויף אַ וועגעלי — ס׳איז געווען אַזאַ פֿרעהליכע לְוָיה׳לע, אַז קינד און קייט האָט הנאה געהאַט... „זי" איז אויך געווען, די אַלטע — זיי האָבען כּבוד געהאַט, זי מיט׳ן אייניקעל מיט׳ן רעכטען „שטאַלט"... ענדיגט ער מיט אַ נִצָחוֹן עפּיס.

— געדענקט איהר ניט, באָבע, צי איהר האָט עפּיס געגעבען נדן?

— ניין, ניט געגעבען... רעדט זי אַרויס שלאָף: ניט...

און אויפ׳ן פָּנִים לויפֿען אָן, ציהען זיך אויס נאָך מעהר קנייטשען, זיי פֿערשווינדען און ווייזען זיך ווידער.

— וואו האָט איהר חתונה געהאַט? — איז ר׳ חיים נייגעריג געוואָרען צו ערוויסען זיך.

— ניט דאָ... ווייט... איך בין ניט אַ היגע... ער אויך... פֿון ווייט...

— וויפֿיעל, אַכטציג וויאָרסט פֿון דאַנעט? — שמייכעלט ער — גאַנצע אַכטציג וויאָרסט געווים...

— דריי הונדערט, דריי... פֿון אַ שטעדטיל... אַ גרויסער בעל־הבית געווען מיין פֿאָטער...

— האָט ער עס קוים פֿון דער יְשִׁיבָה געקראָגען דאָס וואָהללעהרנעריל... וויצעלט ר׳ חיים.

— ווי איז ער, דער מאַן אייערער אָנגעקומען צו אייך? — פֿרעגט ער הויך.

— אַ—אַ... ענטזאַגט זיך די אַלטע פֿון ענטפֿער.

— פֿאַר מיינעם אַ ברודער... דיענען האָט ער בעדאַרפֿט פֿאַר מיינעם אַ ברודער... מיין עלטערער ברודער, ליבע... רעדט די אַלטע מעהר פֿאַר זיך, ווי פֿאַר די הערער... פֿון טיעף ערגיין, דורך ווייטע מקומות און לאַנגע יאָהרען, דורך אַ געדיכטען נעבעל בעקומט זי אָבגעריסענע זכרונות — זי בעקומט און צווייפֿעלט אין זייער ריכטיגקייט: עס שיינט איהר ווי אַ חלום...

— ליבע׳ן האָט דער פֿאָטער ניט געוואָלט געבען... „ער" איז אָבער אַ יָתוֹם געווען...

— האָט ער זיך ביי זיי פֿאַר איין „אחוואָטניק" פֿערקויפֿט — ערקלערט ר׳ חיים פֿאַר די פֿרויען: איין „אחוואָטניק" — מסתמא האָט זיך געוואָלט אַ הוליע טהון... ווער פֿערקויפֿט זיך דאָס? אַ הֶפְקֵר־יונג, אַ הולטאַי... קהל האָט דאָך אַמאָל שטאַרק אַכטונג געגעבען אויף אַזוינע יונגע־לייט, מען פֿלעגט אַריינגעהמען אין קהל־שטיביל — און מאַכען „צימבעלע — בימבעלע"... געשמיסען, געריסען — איז פֿאַראַן אַ מיטעל מען פֿערקויפֿט זיך טאַקע פֿאַר איין אַחוואָטניק — דאַמאַלס איז קהל בלינד און טויב... הוליע, לעב אָב דיין וועלטילע, כּאָהר מיט אַ האַרמאָניקע אין דער האַנד, מיט צוויי „שיקסעס" ביי די זייטען — פֿאָהר זיך דורך די שטאָדט אַזוי — און גאָר נישט... געהוליעט! אָט דאָס איז איין „אחוואָטניק"!..

ער קעהרט זיך צוריק צו די פֿראַגען:

— פֿאַר אייערען אַ ברודער אפילו דיענען — זאָגט איהר?

— יאַ־אָ... ליבע, דער עלטערער... פֿיער הונדערטער האָט מיין פֿאָטער איהם געגעבען — פֿיער... ער האָט זיך „געיאַוועט", מען האָט איהם צוגענומען... פֿערשריבען אַ נֶפֶש" פֿאַר מיין ברודער... אַ נפש... „ער" איז געווען אַ הויכער, אַ געזונד טער, אַשענער, אַ בילד!..

— אויף דער עלטער איז ער שוין ניט דאָס געווען... אַראָב...

— אַ צַער־בַּעֲלֵי־חַיִים, נעביך... זאָגט ר׳ חיים שטיל און מיט גְנֵבָה.

— האָט ער אָבגעדיענט און... ער וויל אָנפֿיהרען די אַלטע אויף צו דערצעהלען ווייטער.

— ניין · מען האָט איהם ניט פֿערטריבען נאָך... פֿערשריבען נור — פֿאַר מיין ברודער — און געלאָזט איהם נאָך אין שטעדטיל... צו אונז פֿלעגט ער נור קומען, בעטען קליין געלט...

— איך בין נאָך געווען אַ מיידיל... אַ גרויסער בעל־הבית געווען מיין פֿאָטער... ביי מיר האָט שוין געזאָלט זיין תְּנָאִים... תנאים מיט איינעם פֿון אונזער שטעדטיל, אַ גביר׳ס אַ זוהן, אַ לעהרנער... אָט־תנאים... און „ער" פֿלעגט צו אונז געהן נאָך קליין געלד — מען זאָל איהם נאָך געבען... ער איז געווען אַשע־נער!.. אַ שטאַלט — אַ שטאַ־אַלט!. איין אַסאָבע!"..

ר׳ חיים איז פֿעראינטערעסירט אויסצוהערען, ער מאַכט שוין קיין בעמערקונגען ניט, ער האַלט איין דעם אָטהעם און הערט. די פֿרויען זעהען אויס אַזש פֿערגלאָמפּערטע, פֿון שטאַרקען צוהערען זיך...

— אַ גאַנצער ראָמאַן — אַ ליעבע נאָך... האָט אַ שיין געטהון ביי לאה׳קען אין די געדאַנקען, און עס האָבען אויפֿגעפֿלאַמט איהר מאָגערער פּנים און אָנגעצונדען זיך די גראָהע אויגען — די „צו קלוגינקע", ווי מען זאָגט...

די אַלטע קוקט ווייטער אין דער זייט, ערגיין ווייט, ווייט...

אַמאָל איז „ער" געקומען — איך בין נור געווען אין שטוב, מעהר קיינער... דערזעהן איהם, בין איך געפֿאַלען... איך און „ער" — מעהר קיינער... אַ הויכער אַזוי, ווי אַ דעמב... פֿון שרעק געפֿאַלען...

— „מיידיל" — זאָגט ער: שרעק זיך ניט: איך בין קיין גַזְלָן... איין „אחוואָטניק" נור פֿאַר דיין ברודער — איהם לויזמאַכען... ווער איז דאָ דיין פֿאָטער, צי ווער — זאָל מען מיר געבען עפּיס געלט נאָך — אַ אַה, כ׳וועל נאָך היינט אַ לעב טהון לכבוד אייך אַלעמען!"... ער האָט געקלאַפּט איבער טיש, ווי אַ גזלן — ערגער... „אַ פֿערשאָלטענע וועלט, האַ?" — זאָגט ער מיר — „מע דאַרף זיך נאָך אַביסיל אַ סַם טהון היינט מיט׳ן לעבען!.." אַזוי האָט „ער" געזאָגט...

די אַלטע טרוימט אַלין מעהר אין יענע ווייטענס...

— מיר פֿלעגט זיך שטענדיג אין האַרצען אָברייסען, דערזעהענדיג איהם... דאַמאַלס האָב איך אָנגעהויבען וויינען, קלאָגען — הויך, הויך קלאָגען... „ער האָט אויף מיר געקוקט מיט אַזוינע גרויסע אויגען — איך געדענק, ווי היינט... ר׳האָט מיך גענומען גלעטען פֿאַר׳ן קאָפּ... כ׳האָב געציטערט, ס׳האָט מיך געוואָרפֿען — ניט שרעק אויך... נ־ניין!.. „אַנטלויפֿט — זאָג איך איהם — איצט אַנטלויפֿט... פֿאַר מיין ברודער איז שוין פֿערשריבען „אַ נפש" — ווער וועט אייך זוכען?.. אַנטלויפֿט!"... כ׳האָב געוויינט, געקלאָגט און געבעטען זיך...

— „דיך פֿערדריסט אויף מיר, מיידיל?.. האָסט ניט דיין טאַטענס נאַטור?.. לויף אויך מיט מיר... קום!" —

און ער הויבט מיך אויף מיט איין האַנד, אַ גֶבר געווען!.. מיט איין האַנד געהויבען מיך, געטראָגען מיך איבער צימער... זיעבעצעהן יאָהר איז מיר שוין געווען — אַ מויד געווען...

— קום!..

— אָט זענען מיר דאַמאַלס אַוועק געלאָפֿען ביידע... בעהאַלטען זיך... מע האָט אונז ניט געפֿונען... כ׳האָב גאָר לאַנג ניט געוואוסט פֿון דער היים גאָר נישט...

זי ווערט פֿערטרוימט ווייטער...

— נאָכדעם איז מען זיך דערגאַנגען — שוין עלטערע מענשען געווען, מיין זעליג איז שוין אַ חתן געוואָרען... אַלע האָבען זיך דערוויטערט פֿון מיר... דער נאָמען איז געבליבען „אחוואַטניק". —

זי קעהרט זיך אָב, ווי שעמענדיג.

— בעסער געלעבט — ערגער — אַלין איינס... זאָגט זי פּלוצלינג אַרויס.

— אַבי „אַ שטאַלט" פֿאַר אַ מאַן געהאַט... פּרובט ר׳ חיים נאָך צו אויסלאַכען, נאָר עס קומט שוין ביי איהם זעלבסט שלאָף אַרויס די איראָניע.

ליפּמאַן לעווין.

קאַליקעס.

פֿון מ. ספּעקטאָר.

(פֿאָרטזעטצונג)

ארקאדיע באריסאוויטש האָט אויף גיך געהאַפּט זיין פּאַלטא מיט דעם הוט און איז איהר נאָכגעלאָפֿען שוין אויף די טרעפּ.

אידא האָט זיך שוין מעהר ניט אומגעקעהרט אין זאַל, ארקאדיע איז אויך פֿערפֿאַלען געוואָרען דעם גאַנצען היינטיגען שבת־צונאַכטס, די ערשטע מינוטען זענען אַלע געזעסען געדריקט פֿון דעם געפֿיהל וואָס מען האָט עפּיס ווי עמיצען אומזיסט בעליידיגט. די גאַנצע פֿריהערדיגע פֿרעהליכקייט איז אַוועק, נאר צוביסליך וויז האָט דער עולם אָנגעהויבען קומען צו זיך.

— אָט דאָס איז אַ משוגענע! האָט אָנגעהויבען סאפּיא מארקאָוונא.

— איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז זי איז משוגע, האָט אַנאַ זיך אויך אָנגערופֿען.

— זי איז קראַנק, מען דאַרף זי היילען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, עס איז דאָ פֿיעל אַזוינע סוביעקטען, וואָס ווערען קראַנק אויף אַ געוויסע אידעע.--

— אַזוינע קריינק קען ניט אויסהיילען קיין דאָקטאָר מיט רעצעפּטען, האָט סאפּיא מארקאָוונא זיך אָנגערופֿען, אַזוינע קען מען נור אויסהיילען מיט היפּנאָטיזם.

— צו דיר, צו אייך, צו אונז אַלע דאַרף מען האָבען היפּנאָטיזם, האָט לעוו אסיפּאָוויטש געשריען מיט האַרץ, מיר זענען אַלע קראַנק אָבער ניט אידא, אונז דאַרף מען היילען, ווייל מיר זענען די אמת׳ע קאַליקעס, פֿון וועלכע אידא רעדט, איך פֿרעג אייך דאָ אַלע— וואָס זענען מיר: יודען, קריסטען, טערקען צי קיטאַיצעס? צי קענען מיר זיך אָנרופֿען האָטש מיט איינעם פֿון די אַלע נעמען? וואָס זשע זענען מיר? מענשען וואָס האָבען קיין נאָמען, אָט דאָס זענען מיר, מיר קענען נור אָבלאַכען פֿון יענעם און פֿון זיך.

— פֿון אַזוינע נאַרישקייטען ווי כפּרות שלאָגען און שאָקלען מיט דעם לולב מעג מען לאַכען, האָט זיך אָנגערופֿען דער אַלטער באריס קריינין, שוין לאַנג צייט אַז ביי יודען זאָלען אויפֿהערען די אַלע נאַרישקייטען, גענוג זיין אַזיאַטען.

— אין דיר, ברוך׳ל, ליגט נאָך דער אַלטער אַפּיקורס, האָט סאלאמאנאוו געענטפֿערט זיין חבר פֿון דער יוגענד, שוין אויס מאָדע געוואָרען די אַלע אַמאָליגע אַפּיקורסישע הכמה׳ליך ווי אָבלייקענען און אָבלאַכען, אום מיט דעם צו ווייזען אַז מען שטעהט העכער פֿון פּראָסטען פֿאָלק. נאר זאָל זיין ווי דו זאָגסט „נאַרישקייטען“. איך פֿרעג דיך וואָס היטען מיר און אונזערע קינדער אָב אויסער די נאַרישקייטען? גאָר ניט! מיר האָבען קיין אמונה, קיין האָפֿענונג קיין אידעאַלען, מיר האָבען גאָר ניט! הערסט ברוך׳ל—גאָר ניטט!... און מיר זענען ביי גאָר ניט געבליבען...

דעם איבריגען עולם האָט ווינציג אינטערעסירט דאָס געשפּרעך פֿון די עלטערע לייט און האָבען זיך פֿערקליבען אין אַ בעזונדער ווינקעל וואו מען האָט דערצעהלט פֿערשיעדענע אַנעקדאָטען.

— שוין אויס מאָדע צו זיין איין אַפּיקורס און פֿון אַלעס אָבלאַכען, ווי מיר מיט אונזערע חברים אין דער יוגענד פֿלעגען טהון— האָט סאלאמאנאוו ניט אויפֿגעהערט צו רעדען — געדענקסט, ברוך׳ל, ווי מיר פֿלעגען לאַכען ווי אונזערע עלטערען פֿיהרען זיך, פֿון אונזער רב פֿלעגען מיר שפּעטען ווי פֿון אַ שטאָדט משוגענעם, אַלע יודישע דינים און מנהגים האָבען מיר פֿון זיך באַלד אַראָבגעוואָרפֿען און געשפּעט פֿון די, וואָס האָבען זיך אין זיי געהאַלטען, — דאָס האָט אַליין געהייסען אַפּיקורסיש און אַפּיקורסיש איז דאַן געוועזען זעהר אין דער מאָדע. אפילו אונזערע אַמאָליגע מְחַבְּרִים־אַפּיקורסים האָבען אין זייערע ביכער קיין אַנדערע זאַכען ניט געפֿונען צו שרייבען אין פּראָזע און אין שירים ווי חאַפּען אַ יודישען מנהג אָדער אַ דין און לאַכען און שפּעטען. די הויפּטהעלדען האָבען געמוזט זיין אַ דייטש מיט אַ חסיד, דער דייטש האָט געמוזט שפּיעלען די ראָלע פֿון אַ אַפּיקורס, וואָס לייקענט אָב אַלעס, און דער חסיד אַלס פֿרומער יוד וואָס היט אָב אַלע יודישע דינים און מנהגים. געדענקסט, ווי מיר פֿלעגען אַמאָל אָנקוועלען פֿון די ביכער לעזען, ווי דער אַפּיקורס פֿלעגט זיך אַזוי קונציג אויסטענה׳ען מיט דעם נאַרישען יודען — דעם חסיד און פֿערשטעהט זיך, אַז דער דייטש האָט סוף כל סוף געמוזט מנצח זיין דעם חסיד, דער אפּיקורס פֿלעגט בלייבען דער חכם און דער חסיד דער נאַר. מיר האָבען דערפֿון געקוואָלען, אָן אַלין פֿערגעסען און נור די ביכליך געלעזען, ווי גרויסאַרטיג און קונציג עס פֿלעגען די אַמאָליגע מחברים אָבלאַכען אין זייערע ביכער פֿון די כפּרות שלאָגען, הושענות קלאָפּען, אתרוג בענטשען, חנוכה־ליכטליך, משלוח־מנות, ארבע־כוסות, מרור, זאָגען קינות, תשעה־באב, פֿון זאָגען סליחות און פֿון פֿיעל אַנדערע יודישע מנהגים, און מיר, קינדער, יונגע לייט, פֿלעגען די אַלע ביכער איינשלינגען, זיך גענוג אָנלאַכען פֿון אַלין, פֿון דעם וואָס איז געוועזען גוט אין שלעכט. איצט, ברוך׳ל, זענען די אַלע אפיקורסישע חכמה׳ליך אפילו ביי די מחברים אין די ביכער אויך אויס מאָדע געוואָרען, די מחברים נעמען היינט אויך כפּרות, הושענות, דעם אתרוג, חנוכה־ליכטליך און די איבריגע זיבעצען יודישע זאַכען פֿאַר טעמעס צו שרייבען אין זייערע ביכער, נאר זיי לאַכען און שפּעטען שוין ניט ווי אַמאָל, זיי ווייזען אויך איצט אויף די שלעכטע זייטען, אָבער זיי בעהאַנדלען זיי ערנסט און פֿלאַנצען איין אין די לעזער נאָך מעהר ליעבשאַפֿט און וואַרעמקייט צום יודישען פֿאָלק און אין דיר, ברוך׳ל, ליגט נאָך דער אַלטער אפיקורס, דו רעדסט און שפּעטסט ווי אַמאָל, פֿע! שוין אויס מאָדע, ברוך׳ל, וואַרף שוין אויך אַרויס פֿון זיך דעם אַפּיקורס...

באָריס קריינין האָט זיינע אויערען ניט געגלויבט, שוין זשע רעדט אַזוי דער געוועזענער לייבעלע, דער גרעסטער לאַוראָווער אפיקורס?

— דו האַסט זיך איבערגעביטען, האָט קריינין געזאָגט סאלאַמאָנאָווען, איך האָב קיין מאָל ניט געגלויבט אַז דו זאָלסט רעדען אַזוינע ווערטער.

— ניט איך האָב זיך איבערגעביטען, נאָר די צייט האָט זיך געביטען, און מיר זענען געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, מיר זענען געבליבען פֿון אונטען.

— שוין זשע טהוט דיר באַנג, וואָס דו ביזט ניט געבליבען אין דעם בלאָטיגען לאַוראָוואָ און לעבסט ניט אַזאַ פֿינסטער לעבען, ווי דיין טאַטע האָט געלעבט און ווי אַלע לאַוראָווער יודען לעבען.

— פֿאַר מיין אייגען נֶפֶש׳ל איז אַוודאַי בעסער, וואָס איך בין אַוועק פֿון לאַוראָוואַ, וואָס איך לעב דאָ אין דער גרויסער שטאָדט איין אַנדער לעבען. מיר איז בעסער, איך עס בעסער, איך וואָהן שענער און זינדיג מעהר, נאָר פֿאַר דעם כְּלַל, פֿון וועלכען מיר פֿלעגען אַזוי פֿיעל דאַן רעדען און פֿאַר וועלכען מיר האָבען מִלְחָמָה געפֿיהרט מיט דער גאַנצער שטאָדט, וואָלט דען ניט גלייכער געוועזען, מיר זאָלען בלייבען לאַוראָווער יודען גלייך מיט אַלע? אפשר וואָלטען מיר דאַן מעהר נוטצען געבראַכט דעם כלל. מיט אונזער איבעראַנדערשען זיך האָבען מיר דערווייל אונזערע „פֿאַנאַטישע ברידער, וועלכע לעבען אין דער פֿינסטערניש“ קיין נוטצען געבראַכט. אפילו אונזערע אייגענע קינדער האָבען מיר ניט געמאַכט פֿאַר אַזוינע מענשען, ווי מיר האָבען דאַן געוואָלט און זיך פֿאָרגעשטעלט.

— וואָס הייסט ניט געמאַכט, איך בין מיט מיינע קינדער צופֿריעדען, איך האָב זיי געלאָזט לערנען און איצט זענען מיינע עלטערע צוויי זיהן דאָקטוירים, מיין טאָכטער וועל איך אויך מִסְתָּמָא געבען אַ דאָקטאָר פֿאַר אַ מאַן.

(פֿאָרטזעטצונג קומט.)

בריעפקאסטען דער אדמיניסטראציאן.

מיר בעטען די אבאנענטען פון „יוד“ וועלכע האבען אריינגעשיקט צו 2,50 רו״כ פיר א האלב יאהר זיי זאלען זא פריינדליך זיין צושיקען נאך 50 קאפ. ווייל דער „יוד“ אויף א האלב יאהר קאסט 3 רו״כ; זאנסט קענען זיי די נומערן פון נור. 40 ניט מעהר בעקומען.

Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Red. M. Berkowicz. — Herausgeber u. Buchdruckerei Josef Fischer Krakau.

צו דען אקציאנערען

דער יודישען קאלאניאל-באנק

אין ווארשא.

דאס קאנטאר פאן ה' מ. פעלדשטיין אין ווארשא איזט פאם 15 אקטאבער אומגעצאגען פאן Nalewki No. 13 אויף Graniczna No. 10 אונד איזט פיר אונטעררעסענטען דער יודישען קאלאניאל באנק טעגליך אפפען (אויסער יודישע פייערטאגע) פאן 10 ביז 3 אוהר נאכמיטטאג.

האטעל אונד רעסטאראן 1־טער קלאסע.

קאממערציע אין ווילנא.

טהיילט מיט אלע רייזענדע, דאסס ער איז מיט פיעל גראסע אונד שענע נייע בעפוצטע צימער פערגרעסערט געווארען אונד דאס דער רעסטאראן כשר, וועלכע איז בעריהמט מיט זיינע געשמאקע אונד געזונדע שפייזען, האט ערלויבניס בעקאממען אלערליי געטרענקע ווארונטער אויך כרמל וויין אונד קאניאק פאן פאלעסטינא צו פערקויפען.

בעדיענונג אויף דאס געפעליגסטע.

מיט אלער אכטונג

יהושע בערשטעלמאן.

פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שנייזען און נייהען אין אקורצע צייט דורך בריעף אין זארגאן, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי:

Варшава, Госпожѣ Бертѣ Найдичъ.

ПАЛЕСТИНА

Ея настоящее и будущее.

Очеркъ положенія современной Палестины и существующихъ въ ней евр. колоній.

соч. **А. Г. Любарскаго**

Часть I: Введеніе. Географ. обзоръ Сиріи и Палестины. Населеніе. Политическое состояніе Сиріи. Источники эконом. благосостоянія.

Часть II: Общій обзоръ колонизація. Описаніе евр. колоній. Колоніи Самаріи и Саронской долины. Сѣвер. Галилея и ея колоніи. Заіорданье.

Цѣна книги (177 стр. 8°) 75 коп., съ пересылкой 85 коп.; въ переплетѣ 1 руб. съ пересылкой 1 руб. 10 коп.

Издательство „АХІАСАФЪ“ Варшава

Твердая 6 кв. 4.

נור מיט עטליכע רובל

קען יעדער מענש ביי זיך אויפן ארט א גוטע פרנסה איינפיהרען. אזוי ווי איך גיב צו ערקלערען דורך א בריעף געגען א 7 קאפ׳ מארקע.

אדרעסירען:

Варшава, Я. Найдичъ.

האוצר

פתרון המלים שנמצאו במקרא ובמשנה וכו' ותרגומן לשפות רוסיא ואשכנז

מאת **ש. י. פין** (המנוח).

עם הערות (בסוף כל הלק) על השמות הנוגעים לחכמת הרפואה בכל ענפיה

מאת ד"ר **ל. קאצענעלסאהן.**

יצאה לאור

ונשלחה לכל החותמים

חוברת ו' חוברת

הספר יוצא לאור במחברות א 2 באגען

מחיר כל מחברת 22 ק"פ ועם פארטא 24 ק'.

אולם **לחותמים** הוזל המחיר ע"פ התנאים

א) בתשלום למפרע עבור כל הספר — 8 רו"כ.
ב) „ „ „ 20 חיב' — 3 „
ג) „ „ „ 10 „ 1,80 „

החותמים מקבלים החוברות בכל שבוע חפשי מפארטא.

כתבת המו"ל: **И**здат. „Ахіасафъ“, Варшава.

Verlag „ACHIASAF“ Warschau.

חברת אחיאסף.

ספרי למוד וקריאה לבני הנעורים:

1) **עברית בעברית**, ראשית למודי שפת עבר ע"פ השטה הטבעית, חבר **י. אפשטיין.**

המיתודה היותר קלה ומועילה ללמוד שפ"ע עם ציורים שונים לשיעורי הלמודים ותוי זמרה לשירי ילדים הבאים בספר.

מחירו 50 ק"פ ועם פארטא 60 ק', מכורך יפה 80 ק', וע"פ 90 ק'.

2) **דברי הימים לבני ישראל**, מאת **מ. ברוינשטיין.**

חלק א'. מימים קדמונים ועד חרבן ביתר, עם ספר מלים בתרגום לשפת רוסיא.

חלק ב'. מן חרבן ביתר עד דור הרמב"ם.

הספר נדפס באותיות גדולות ומנקדות ובסופו נמצאו שאלות לתלמידים.

מחיר כל חלק 1 רו"כ ועם פארטא 1,12 רו"כ, מכורך יפה 1.30 רו"כ ועם פארטא 1.42 רו"כ.

3) **זכרונות לבית דוד**, מאת **א. ש. פריעדבערג.**

ספורים היסטוריים בתולדות ישראל מן חרבן הבית הראשון עד תקופת הרמבמ"ן.

מחיר חלק א' 1.54 ר' ועם פארטא 1.72 ר', מחיר חלק ב' וחלק ד' 1.40 ר' כל אחד וע"פ 1.50 ר', מחיר חלק ג' 1.73 ר' וע"פ 1.91 ר'. עבור כריכה מהודרה יש להוסיף 30 קאפ'.

4) **„האביב“** ספר מקרא יקר בערכו הכולל מאמרים, שירים וספורים מאת סופרים נודעים. נערך ע"י **י. ה. ראבניצקי.**

מחירו 60 ק', עם פארטא 70 ק', מכורך 75 ק' ועם פארטא 85 ק'.

5) **שירת הזמיר**, מאת **בוקי בן יגלי.** (דר. י"ל קאצענעלסאהן) ספור לבני הנעורים.

מחירו 25 קאפ' וע"פ 30 ק'.

6) **ה. אנדרסן, ספורים והגדות**, כתובים עברית עם פתח דבר מאת **דוד פרישמאן** (הוצ' א. ז. כהן):

מחירו 60 ק' וע"פ 70 ק' מכורך יפה ע"פ 1 ר'.

Издательство „**АХІАСАФЪ**“, Варшава.

פאם 12-טען נאוועמבער אן איזט מיינע אדרעססע:

E. TORCZYNER

WIEN, II Krumbaumgasse Nr. 1.

Вышла 5-я книга и продолжается подписка на изданіе П. П. Сойкина

ТАЛМУДЪ. Полный переводъ текста, сдѣланный оріенталистомъ Н. А. Переферковичемъ и снабженный объяснительными примѣчаніями переводчика и наглядными чертежами.

☞ 1-го января 1901 г. выйдетъ въ свѣтъ шестая книга „**ТАЛМУДА**“ заканчивающая собой первую половину предпринята[illegible]ами изданія „Мишны и Тосефты“. Никогда еще эти двѣ основныя книги еврейскаго ученія, на которыя опираются всѣ дальнѣйшія части Талмуда, не были представлены въ такомъ полномъ переводѣ (Тосефта переводится впервые на европейскій языкъ), съ такимъ множествомъ объяснительныхъ примѣчаній, рисунковъ, чертежей, схемъ. Въ средніе вѣка Талмудъ не разъ сжигался тысячами писанныхъ и печатныхъ экземпляровъ, какъ зловредная и еретическая книга. Когда христіанскій міръ ближе познакомился съ этой таинственной, поражавшей трудностью языка книгой, то позволено было ее печатать, но съ большими выпусками и измѣненіями, на которыя не скупилась инквизиціонная цензура. Сами евреи изъ страха преслѣдованій выпускали изъ текста все, что могло бы подать малѣйшій поводъ къ обвиненію въ нетерпимости, ибо всякое торжественное сжиганіе („ауто да фе“) Талмуда сопровождалось разгромомъ еврейскаго имущества. **Русскій переводъ даетъ полный и точный текстъ Талмуда**, критически возстановленный по сохранившимся рукописямъ и нецензурованнымъ изданіямъ. Переводчикъ стоитъ на строго научной почвѣ внѣ всякихъ полемическихъ или религіозныхъ вліяній и путемъ буквальнаго, всестороннe объясненнаго, литературнаго перевода вводитъ даже совсѣмъ неподготовленнаго русскаго читателя въ чуждый строй талмудической мысли.

Все изданіе „Мишны и Тосефты“ будетъ состоять изъ 6 томовъ, объемомъ каждый въ 25 - 35 листовъ большого формата, и будетъ раздѣлено на 12 книгъ.

Въ отдѣльной продажѣ цѣна каждаго тома 2 руб. 50 коп., съ перес. 3 руб

ПОДПИСНАЯ ЦѢНА на все изданіе „Талмуда“ въ 6 томахъ (12 книгъ) 12 руб. Допускается разсрочка (исключительно у издателя) на слѣдующихъ условіяхъ: при подпискѣ уплачивается 8 руб. и получаются первые три тома (6 книгъ), по выходѣ въ свѣтъ IV-го и V-го тт. уплачивается по 2 руб., а VI-й томъ высылается безплатно.

Съ требованіями обращаться въ Книжный Складъ П. П. Сойкина, Спб.
Стремянная ул. д. 12.

אלבום

מראה ארץ ישראל והמושבות

אנזיכטען פון פאלעסטינא און די יודישע קאלאניעס

פֿאָטאָגראַפֿירט און בעשריבען פֿון י. ראַפּאַלאָוויץ און מ. זאַכס.

דער אַלבום ענטהאַלט פּרעכטיגע בילדער פֿון אַלע יודישע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל מיט בעשרייבונג אין העברעאישער און דייטשער שפּראַך, פֿון זייער ענטשטעהונג און יעצטיגען שטאַנד, אויך

בילדער פון וויכטיגע ערטער און שטעדט אין ארץ-ישראל

די בילדער זענען קונסטפֿאָל געאַרבייט און געדרוקט אין איינער פֿון די בעסטע קונסטדרוקערייען אין דייטשלאַנד, און די בעשרייבונגען נעבען דעם לעזער אַ פֿאָלשטענדיגעס בילד פֿון די קאָלאָניעס און דעם לעבען פֿון די יודישע אַקערבויער אין ארץ-ישראל.

דער אַלבום קען דיענען אַלס בעסטעס געשענק און צירונג אין שטוב.

פרייז פון אלבום **3** רובל מיט פארטא.

אויף פֿערלאַנגען איז אויך צו בעקומען אין פּראַכט-ווייס-בלוי מיט גאָלדשניט איינבאַנד צום פרייז פֿון **4** רובל.

Verlag „ACHIASAF“, Warschau

יצא לאור

קטלוג גדול נו' 4

! הכולל רשימת כל ספרי „אחיאסף“ וספרים אחרים הנמצאים לממכר בבית מסחר הספרים של אחיאסף ;ישולח חנם לכל דורש. !

Издательство
„Ахіасафъ“, Варшава.
Verlag „ACHIASAF“, Warschau.

העברי

בית ספר לנערים

של

א. ליבושיצקי.

WARSCHAU,
Nowolipie 15/9.

WYSZŁY Z DRUKU

nakładem

Towarzystwa „ACHIASAF“

Dr. L. PINSKIER, Samowyzwolenie.
Cena 25 Kop.

Dr. THEODOR HERZL,
Mowy ze zjazdów syonistycznych.
Cena 25 Kop.

Dr. MAX NORDAU,
Mowy ze zjazdów syonistycznych.
Cena 40 Kop.

ACHAD-HAAM, Niewolnicy swobody.
Cena 20 Kop.

ACHAD-HAAM, Po za obozem syonistów.
Cena 20 Kop,

Adres: Wydawnictwo „ACHIASAF“ Warszawa, Twarda Nr. 6.

ניעס!! ניעס!!

ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע היילען גרינדליך נאך קורצען געברויך, ווי עס איז איבערצייגט געוואָרען, אַז נאך 3 מאָנאטליכען טראגען, ווירד דער ברוך פֿאָללשטענדיג אויסגעהיילט. פּרייז פֿאָן איינער זייטע 6 רובל, צווייזייטיג 10 רובל. בויכבינדען פֿיר פֿרויען, עלאסטישע זאקען פֿיר געשוואָלענע פֿיס, אונד פֿערשיעדענע אַנדערע כירורגישע ארטיקלען — צו בעקומען נור ביים אָפּטישען-כירורגישען געשעפֿט אונטער דער פֿירמא: אלעקסאנדער, סענאטאָרסקא 22 ווארשוי.

אדרעססע:

„АЛЕКСАНДРЪ“
Сенаторская ул. № 22,
Варшава.

☞ דא עס האט זיך געצייגט דאס מען מאכט נאך דיזע ברוכבענדער ביטען מיר אויפמערקזאם צו זיין אויף די אָריגינעלע מיטן סטעמפעל פֿאָן אונזער פֿירמא.